ידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײַנט 10 זײַטען

נייער פאלקסבלאט

№ 183 | Łódź, Wtorek, 8 sierpnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ט״ז מנחם אב תרצ״ג | № 183

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בעפרייט 6 ארעסטירטע רעוויזיאניסטען

די אנדערע ארעסטירטע ווערען היינט געשטעלט פאר׳ן אויספארשונגס-ריכטער אין יפו

ירושלים 7 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

דינסטאג ווערען בעפרייט 6 ארעסטירטע רעוויזיאניסטען אין צוזאמענהאנג מיטן ארלאזאראוו-מארד. די אנדערע ארעסטירטע, וואס זענען געבליבען אין ארעסט ווערען דינסטאג געשטעלט פאר׳ן אויספארשונגס-ריכטער אין יפו.

* * *

פון א קרובה אין ירושלים איז אנגעקומען קיין לאדז צו דער מוטער פון ארעסטירטען יהודה מינק א בריף, אין וועלכען זי איז מודיע, אז דער ארעסטירטער יהודה מינק איז טאקע איהר זוהן.

א נייע כוואליע פון יודען-רדיפות אין היטלעריסטישען דייטשלאנד

בערלין, 7 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

די היטלער-רעגירונג גרייט צו א נייעם געזעץ, וואס וועט פערוועהרען יודען צו האנדלען.

לויטן נייעם געזעץ וועט יעדער סוחר מוזען בעווייזען, אז ער האט אין דער יוגענד בעזוכט א קאמערץ-שול און מען וועט דארפען בעזיצען „קאמערץ-קארטען", וואס וועלען נישט ארויסגעגעבען ווערען קיין יודען.

בערלין, 7 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

אין רהיין-לאנד ווערט מערבאטען אנצונעמען יודען אלס נישט קוואליפיצירטע ארבייטער.

אין מיטעל-דייטשלאנד וועט מען פערוועהרען יודען צו וואוינען.

אין זיבענדארף האט מען פערבאטען צו האנדלען מיט יודען.

איטאליען געגען דער אינטערווענץ

פון די גרויסמאכטען לטובת עסטרייך

לאנדאן, 7 (ספ. טעל.)

דער דיפלאמאטישער קארעספאנדענט פון „דיילי-טעלעגראף", טיילט מיט, אז די איניציאטיוו פון דעם אוויסטריט, פון די וועלט-מאכטען אין בערלין, אין שוץ פון עסטרייך׳ס אומאפהענגיגקייט, איז ענטשטאנען נישט אין פאריז, נאר אין לאנדאן.

די ענגלישע רעגירונג, האט געווענדעט די אויפמערקזאמקייט פון די רעגירונגען, אין פאריז און אין רוים, אויף דער ענטוויקלונג פון די געשעהנישען אין מיטעל-אייראפא, פון דער צווייטער זייט, שטרייכט אונטער די פראנצויזישע רעגירונג שטענדיג די נויטווענדיגקייט, פון געמיינזאמע שריט פון די גרויסע מלוכות, וואס וואלט פערזיכערט ניצליכע אינטערווענצען.

אין צוזאמענהאנג מיט איטאליע׳ס אפזאג, אנטיילצונעמען אין ארויסטריט פון ענגלאנד און פראנקרייך אין בערלין, שרייבט דער איטאליענישער קארעספאנדענט פון „דיילי הערלד" אז איטאליענ׳ס שטעלונג איז א בעווייז, אז מוסאליני וויל אפילו מיט קיין פינגער נישט ריהרען, כדי צו שיצען דעם ווערסאילער טראקטאט.

די אמבאסאדארען פון איטאליען אין לאנדאן, און פאריז, האבען געזאלט ערקלערען, אז נישט ענגלאנד, נישט פראנקרייך און איטאליען, בעזיצען נישט קיין קאנקרעטע בעווייזען, אז די אגראפלאנען וואס קורסירען איבער עסטרייך׳ס טעריטאריום, זאלען ווירקליך זיין דייטשע.

פארק „העלענאוו"!

צופאהר-טראמוואי 4 און 8.

מיטוואך, דעם 9 אויגוסט, 9 א זייגער אווענט

איינציגער רעליגיעזער קאנצערט

פון קעניג החזנים ר׳

גרשון סיראטא

אין קאנצערט נעמט אנטייל די טאכטער פון אויבער-קאנטאר, די בעריהמטע זינגערין

העלענא סיראטא

(מעצא-סאפראן)

אין פראגראם: רעליגיעזע תפלות, פאלקס-לידער און אפערן-אריעס. סאלא-געזאנג און דועטען מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

פון 5.30 שפילט דער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. טעאדאר רידער ספעציעלע יודישע מוזיק.

ביים קלאוויר: נפתלי סיראטא.

בילעטען צום פרייז 1.09 זל. צו בעקומען אין טערקישער קאנדיטארײ פיעטריקאווער עק פאלודניאווא און אין קאסע פון „העלענאוו".

די נייעסטע מאדעלען

פון זומער-שיך

און פלעציאנקעס

איז א רייכע אויסוואהל עמפפעהלט

A. Ogórek

11 ZAWADZKA 11.

DOM EKSPEDYCYJNY

R. SOBOL, Łódź

Piotrkowska 6, tel. 153-96. Rok założ. 1918

מאכט בעקאנט, אז פון 15. יוני ד. י. איז ערעפענט געווארען

א ספעצ. מאגאזין צו לאגערען סחורות

דער מאגאזין, וועלכער געפינט זיך אין סאמע צענטער שטאט (פיעטריקאווער 6) איז אסעקורירט פון פייער און גנבה. ס׳קען אויך זיין ספעציעלע צימערן. ס׳ווערט געעפענט א ספעציעלע שפייז-אבטיילונג און צום אויסזאס׳ן.

דער ניי-געעפענטער מאגאזין איז פערזעהען מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען, ווי: קראפט-ווינדע, לאסט-אויטא׳ס און פלאטפארמעס, מיט וועלכע די סחורה ווערט אויפ׳ן פערלאנג אפגענומען און אפגעשיקט צו די געעהרטע קליענטען – די פרייזען זענען זעהר מעסיגע

גענויערע אינפארמאציעס אויפן ארט טעגליך פון 5–7 אוו.

שטריקער-מייסטער-פעראיין

ביים צענטר. האנדווערקער-פערבאנד, לאדז, פאלודניאווא 4.

אלע שטריקער-מייסטער

ווערען אויפגעפאדערט צו קומען היינט, דינסטאג, דעם 8-טען אויגוסט, אויף דער

אלגעמיינער פערזאמלונג

וועגען דער קאטאסטראפאלער לאגע אין פאך

מיטגלידער ווי אויך נישט מיטגלידער מוזען אומבעדינגט קומען וועגען אייערע אינטערעסען 8 א זייגער אווענד.

9407 די פערוואלטונג.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז שבת, דעם 5/8 ד. י. אין ווארשא געשטארבען

נ״ע אברהם פרענקעל ב״ר משה לייב ז״ל

(פון וויסבאדען)

די לויה איז פארגעקומען זונטאג, ד. 6 אויגוסט 1933 אין ווארשא, וועגען וואס עס טיילט מיט

די אין טיפען טרויער פערבליבענע פאמיליע.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

צוריקגעקעהרט

נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9 — 1 פארמיטאג. בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

שלאסעריי-ארבייטען,

ווי: אויך אויטאגענישע שווייסונגען, מעטאל-בעארבעטונגען, מא-שינען-טיילען

פיהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4, 8–9 אוו.

וועלט=רעקאָרד פון ווייט פליהען

פראנצויזישע לופט-פליהער זענען געפלויגען אהן אפשטעל 571 ענגלישע מייל אין 54 שעה, 45 מינוט

פּאַריז, 7. (ספּ. טעל.) די 2 פראנצויזישע פליהער קאדאס און ראסי, וועלכע זענען שבת אָפּ־געפלויגען פון ניו־יאָרקער פליה־פּלאַץ, מיטן ציל אָדורכצומאכען די שטרעקע: ניו־יאָרק—אַלעפּ, אַ־דער באַגדאַד.

בעכטען האט זיך דער אַעראָפּלאַן בעוויזען אי־בער'ן פּאַריזער פליה־פּלאַץ, וואו די פליהער האָ־בען אַראָפּגעוואָרפען די פּאָסט.

אין די בריף צו זייערע פרויען שרייבען זיי, אַז דעם פליה איבער'ן אַטלאַנטיק האבען זיי אַדורכ־געמאַכט ביי זעהר שווערע בעדינגונגען.

ביינאכט זענען אנגעקומען טעלעגראמען, אַז דעם אַעראָפּלאַן האט מען געזעהען בישט ווייט פון ווין, פליהענדיג אויף מזרח אין דער זייט צו בוד־דאַפּעשט, און צו דער רומענישער גרעניץ.

מיט אַ צייט שפּעטער, איז אָנגעקומען קיין פּאַריז אַ ראַדיאָ־טעלעגראַמע אין וועלכער די פליה־ער טיילען מיט, וועגען אויספעהלען פון בענזין.

עס איז פאָרגעקומען, אַז די פליהער וועלען צו־פליהען ווייניגסטענס ביז באַגדאַד שלאָגענדיג אַזוי אַרום דעם וועלט־רעקאָרד פון דער ווייט פון פליה אין דער גלייכער ליניע.

לאָנדאָן, 7. (ספּ. טעל.) די פראנצויזישע פליהער קאדאס און ראסי האבען דערגרייכט אַנ־ערפּאַלג, שלאָגענדיג אַ רעקאָרד פון פליהען, אהן אָפּשטעל, נאך 54 שעה 45 מינוט.

די פליהער האבען זיך אָפּגעשטעלט מאָנטאג 4,25 בייטאג אין אַ קליין שטעטעל אין סיריען ביי ביירוט.

דער וועלט־רעקאָרד פון דער לענג פון פליהען אהן אָפּשטעל, איז איצט געשלאָגען געוואָרען דורך די פראנצויזען מיט 571 ענגלישע מייל.

גרויסע היצען אין ענגלאַנד

לאָנדאָן, 7 (ספּ. טעל)

אין גאנץ ענגלאנד הערשען גרויסע היצען.

די קור־ערטער זענען איבערפילט, 17 פער־זאָן זענען דערטרונקען געוואָרען.

טויזענטער מענשען פערברענגען די נעכט צוליב די גרויסע היצען אונטערן פרייען הימעל.

די מעטעאָראָלאָגישע ביולעטינען זאָגען נישט פאָר קיין פערקלענערונג פון דער טעמפּעראַטור.

נישט דערלאזבאר דאס אריינמישען אין דייטש=עסטרייכישען קאנפליקט

דייטשלאנדס ענטפער צו ענגלאנד און פראנקרייך

בערלין, (ספּ. טעל.)

וואָלף־ביוראָ איז מודיע: היינט איז דער פראנצויזישער אמבאסאדאָר געקומען אין דייטשען אויסערן=מיניסטעריום און ערקלערט, פערזענדיג זיך אויפ'ן 4־פאקט, אז די דייטשע פּראָפּאגאנדע אין עסטרייך שטעהט אין סתירה צו די פערפליכ־טונגען פון טראקטאט.

דערויף האָט מען דעם פראנצויזישען אמבא־סאדאָר געענטפערט, אז מצד דייטשלאנד איז נישט געשעהען קיין שום זאך, וואָס זאָל זיין געגען טראקטאט, דעריבער האלט די דייטשע רעגירונג פאר נישט דערלאָזבאר דאָס אריינמישען זיך אין דייטש־עסטרייכישען סכסוך.

דעם פערטרעטער פון ענגלאנד האָט מען געגעבען דעם זעלבען ענטפער.

עס וועט נישט זיין קיין נומערוס= קלאוזוס

אויף די רומענישע הויכשולען

בוקארעשט, (י.ט.א.) די אנטיסעמיטיש־קלעריקאלע צייטונג „קאלענדארול" האָט מיט א צייט צוריק מיטגעטיילט, אז דער שטאַטס־סעקרע־טאר טאלעאַ זאָל האָבען ערקלערט א דעלעגאציע פון יודישע סטודענטען, דאָס די רעגירונג וועט אונטערשטיצען אין פארלאמענט די פאָדערונג פון נומערוס קלאוזוס פאר יודישע סטודענטען אויף די רומענישע הויכשולען.

די דאָזיגע מעלדונג ווערט איצט אָפיציעל אָפּגעלייקענט דורך דער רומענישער רעגירונג. אין אָפיציעלען רעגירונגס קאָמוניקאט ווערט מיטגע־טיילט, דאָס דער מיניסטאָרען ראט האָט זיך בע־שעפטיגט מיט'ן פּראָבלעם פון איבערפיהרען פון די הויכשולען. עס דאַרף אָבער בעטאָנט ווערען אז אויב עס זאָל אפילו קומען צו א בעגרענצונג פון דער צאָהל סטודענטען, וועט מען זיך רעכ־נען בלויז מיט די פעהיגקייטען פון די סטודענטען און עס קאָן קיין רייד נישט זיין וועגען דער איינפיהרונג פון א נומערוס קלאוזוס פאר יודען.

בעפרייט גאנדהיס פרוי און צוריק ארעסטירט

אהמעבאבאד, 7 (ספּ. טעל.)

גאנדהי'ס פרוי, מיט די 15 פרויען מיטגלי־דערינס פון הינדוס־קאנגרעס, זענען בעפרייט גע־וואָרען פון ארעסט.

צוליב דעם אָבער, וואָס זי האָט נישט גע־וואָלט אונטערשרייבען, אז זי פערפליכטעט זיך נישט אוועקצופאָהרען האָט מען זי אויפסניי ארעסטירט.

וואס איז פארגעקומען אין נירענבערג?

בערלין, (י. ט. א.) די דייטשע פרעסע לייקענט די בעריכטען, וועלכע זענען ערשינען אין די אויסלענדישע צייטונגען וועגען צוזאמענשטויסען צווישען דער רייכסווער און נאציאָנאל=סאָציא=ליסטען אין נירענבערג. די דייטשע צייטונגען לייקענען אויך, אז אין נירענבערג זאָלען האָבען פאָרגעקומען איבערפאַלען אויף יודישע הייזער און געשעפטען.

אין דער הכחשה ווערט אָבער מיט גארנישט דערמאָנט וועגען דעם מאַסען=ארעסט פון 160 יודען אין נירענבערג, וועלכע מען האָט אין משך פון 5 שעה געהאַלטען אין די באַראַקען פון די נאציאָנאל=סאָציאליסטישע שטורם=אָפּטיילונגען.

פארבערייטונגען צו דער „רייז-ארישער" דייטשער אויס-שטעלונג

בערלין (יט"א) אָפיציעל ווערט מיטגע־טיילט, דאָס אין מערץ 1934 וועט געעפענט ווע־רען אַנ'אַלדייטשע נאציאָנאל אויסשטעלונג, וואָס וועט ווידמען פיל אָרט דער ראַסען פראגע. די אויסשטעלונג ווערט אָרגאניזירט אונטערן לאָזונג: „דייטשע נאציע – דייטשע ארבייט". אונטערן פּאַט־ראָנאַט פון פרעזידענט הינדענבורג און דעם ע־רען פאָרזיץ פון ד"ר געבעלס.

צום ערשטען מאָל, ווערט געזאָגט אין אָפי־ציעלען קאָמוניקאַט — וועט אויף דער אויסשטעלונג געגעבען ווערען אַ פולע איבערזיכט פון ראַסען פּראָבלעם, ראַסען היגיענע און ראַסען פערמישונג.

די אָפּטיילונג פון דייטשער ראַסען ריינהייט וועט שטעהען אונטערן אויפזיכט פון ספּעציעלע ראַסען עקספּערטען.

22 יודישע פראפעסארען

פון דייטשלאנד אנגאזשירט קיין טערקיי

קאָנסטאנטינאָפּאָל. (יט"א) אין טערקיי ווייזט איצט דער בעפולמעכטיגטער פון פערבאנד פון יודישע פּראָפעסאָרען, וועלכע האָבען פערלאָזען דאָס היטלעריסטישע דייטשלאנד, ה' שווארק און פיהרט פערהאַנדלונגען מיט'ן טער־קישען אויסערן מיניסטעריום וועגען אנגאזשירען די יודישע געלעהרטע קיין טערקיי. דער אָבמאַך וועלכער וועט אין דער נאהענטסטער צייט גע־שלאָסען ווערען, בעציהט זיך אויף 22 יודישע פּראָפעסאָרען, מעהרסטענס פון מעדיצין און כעמיע דריי פון די פּראָפעסאָרען געפינען זיך שוין אין קאָנסטאנטינאָפּאָל און וועלען אין אָקטאָבער אָנ־הויבען צו האלטען זייערע לעקציעס.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזשער בעפעלקערונג

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אז ס'איז ערעפענט געוואָרען דאָס

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „מלבוש ערומים"

שענקיעוויטשא 3/5,

וואו מ'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן אָרט. שיקט אויך אַרויס דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען מיט וויזיטען אַהיים

נעהמט אויך אָן געבורטען און אַלע ארט אַנאַליזען. מינימאַלע אָבצאַה־לונגען. די פערוואַלטונג.

פאַר

גאלד, ביזשוטעריע

און לאָמבארד־קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פּרייזען

איזידאָר פיאלקא

פּיעטריקאָווער 7.

Dr. med.

B. ROBINSON

צוריקגעקעהרט

10 פּיעטריקאָווער 10

טעל. 131 86

נעמט אָן פון 4-3 נאָכמ. און 7-8 אָוו.

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

(לעצטע ידיעות פון יודישער טעלעגראַף אַגענטור)

די נייע פעראָרדנונג וועגען ערד-פאכטער-שוץ אין א"י

ירושלים, די נישט לאנג פערעפענט־ליכטע פעראָרדנונג וועגען ערד־פאכטער שוץ אין א"י, וואָס איז שוין אָנגעקינדיגט געוואָרען דורך דעם קאָלאָניען מיניסטער דעם 14 יולי אין ענג־לישען פארלאמענט, בעשטעטיגט די ביז איצטיגע פאָרשריפטען אויף דעם דאָזיגען געביט און פיהרט איין אַ רייהע נייע בעשטימונגען אין דעם „קולטי־וויישאָרס אָרדינענס" פון יאָהר 1929. אין אריינ־פיהר צום ביל פערזיכערט דער ציוויל סעקרעטאר פון דער א"י רעגירונג מילס, אז די נייע פאָר־שריפטען וועלען נישט בעגרענעצען די פרייהייט פון באָדען קויף און פערקויף אויף וויפיל עס ווע־רען דערמיט נישט בעדראָהט די אינטערעסען פון די פאַכטערס.

דער געזעץ פּראָיעקט זעהט פאָר די איינ־פיהרונג פון בעגריף פון אַ „געזעצמעסיגען פאכ־טער". אונטער דעם בעגריף ווערען פערשטאַנען אַלע פאַכטער, וועלכע בעזיצען און בעארבייטען דעם געפאכטעטען באָדען מינדעסטענס איין יאָהר צייט. בעזייטיגען פון אזעלכע פאכטער איז מיטן אויסנאהם פון געוויסע פאַלען נישט מעגליך. אין פאַל אויב ער ווערט בעזייטיגט, דאַרף דער פאכ־טער בעקומען אַנ'אַנדערן ערד שטח, וואָס אין דורכן הויך קאָמיסאַר אנערקענט געוואָרען אלס גלייכווערטיג. דער נייער ערד באָדען דאַרף „אויף ווי ווייט עס ערלויבען די בעדינגונגען" געפינען זיך נאָהענט צום פריהער־פערפאַכטעטען באָדען.

די פעראָרדנונג זעהט ווייטער פאָר די שאַ־פונג פון קאָמיסיעס, וואָס זאָלען ענטשיידען די שטרייטען צווישען די ערד־בעזיצער און פאַכטער. בעשטימטע שטרייט־פראַגען זענען רעזערווירט גע־וואָרען פאַר אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון דריי, וואָס ווערט בעשטימט דורכן הויך־קאָמיסאר מיטן אנטייל פון מינדעסטענס איין ענגלישען בעאַמטען פון יו־דיסטען שטאַנד. בעגען דער ענטשיידונג פון דער קאָמיסיע קאָן מען זיך ווענדען מיט אַנ'אַפּעל צום הויך־קאָמיסאר.

די נייע פעראָרדנונג זעהט פאָר אונז מאָדי־פיצירונג בנוגע פאַשע־רעכט, דאָס עס וועלען אָנער־קענט ווערען די תביעות בלויז אין דעם פאַל, ווען דער אָנקלאָגער האָט אויסגענוצט זיינע רעכט אויפן סמך פון חזקה מינדעסטענס אין משך פון 5 יאָהר נאָכאנאַנד און נישט שפּעטער ווי 7 יאָהר פאר אריינטראָגען די תביעה.

ווייטער ווערט אלס „געזעצמעסיגער פאכטער" דעפינירט א פערזאָן, פאַמיליע אָדער שטאַם, וועלכע האָבען גענאָסען פון די פאכט־רעכט אָדער אין פאַל ווען די פאכט־רעכט האָבען געבילדעט א טייל פון זייער ארבייטס לוין.

אין די ווייטערע בעשטימונגען ווערט געזאָגט, אז דער דיסטריקט־קאָמיסאר קען בעפולמעכטיגען דעם ערד־בעזיצער אויפצולעזען דעם פאכט־קאָנ־טראַקט, ווען דער דיסטריקט קאָמיסאר איז איבער־צייגט, אז דער ערד בעזיצער וועט זיין באָדען אויסנוצען אויף פערנינפטיגע צוועקען לטובת דעם פאַכט־גוט אָדער דערביי ליגענדען באָדען דורך ענטוויקלונג פון דרענאַזש, בעוואַסערונג, קאָלאָני־זאַציע אָדער פערווענדונג אויף בוי־צוועקען. יעדען־פאַלס מוז בעוויזען ווערען, אז דעם געזעצמעסיגען פאכטער בלייבט נאָך גענוג ערד, כדי ער זאָל האָבען דערפון תיונה.

בעדואינער פון ואדי-הווארים ווילען זיך בעזעצען אין עבר=הירדן

ירושלים. א דעלעגאציע פון די בעדו־אינער פון וואדי־האווארים האָט בעזוכט דעם עמיר אבדולא אין אמאַן און איהם געבעטען, ער זאָל זיי פערפאכטען די ערד־שטחים אין גאָר־אל־קאבעד (די זעלבע ערד־שטחים, וועגען וועלכע דער עמיר האָט פערהאנדעלט מיט די יודען).

אדוו. אַטאַמאַן בעשנאַק האָט איבערגעגעבען דעם הויך־קאָמיסאר א רעקורס געגען דעם בעפעהל פון דער ערשטער אינסטאנץ צו בעזייטיגען די בעדואינער פון וואדי האוואדים.

רייבונגען אין דער ארבישער פארטיי איסטיקלאל

ירושלים. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער עגיפּטישער צייטונג „אל באלאג" טיילט מיט פון יפו, דאָס אין דער אראבישער אונאָפּהענגיג־קייטס־פארטיי „איסטיקלאָל" איז אויסגעבראָכען אנ'ערנסטער קאָנפליקט, ווייל דאָס האָט זיך ארויס־געוויזען, דאָס איינציגע פיהרער פון דער פארטיי האָבען מיטגעהאָלפען די יודען דורכצופיהרען די ערה קניה אין וואדי־האווארים.

ענטדעקט א שוהל פון 6-טען יאהרהונדערט נישט ווייט פון נהלל

ירושלים. פּראָפ. קליין פון העבראישען אוניווערסיטעט און דער יונגער ארכעאָלאָג ד"ר א. מייזלער האָבען דורכפיהרענדיג אויסגראָבונגען לויט'ן אויפטראַג פון דער יודישער אַרכעאָלאָגישער געזעלשאפט אין א"י, ענטדעקט אין סימאָניא, אויף צפון פון נהלל אויף דעם באָדען פון קרן=קימת, רעשטלעך פון אנ'אלטער שוהל, וואָס שטאמט וואהרשיינליך פון 6־טען יאָהרהונדערט. די אויס־גראָבונגען ווערען פאָרטגעזעצט.

דער אמעריקאנער יודישער שריפטשטעלער מאקסימאן

געבראכט געווארען צו קבורה אין א"י

ירושלים. קיין תל־אביב איז געבראכט געוואָרען פון אמעריקאַ דער קערפּער פון בעקאַנ־טען אמעריקאנישען העבראישען שרייבער און פּעדאגאָג פ. מ. מאַקסימאָן, וועלכער איז געבראכט געוואָרען צו קבורה אין א"י. ביים אָפענעם קבר האָבען געהאַלטען רעדעס פּראָפ. דיזענדרוק, ד"ר גינזבורג, ד"ר יהודה קויפמאַן און ה' יעקבי, וועל־כע האָבען אָנגעוויזען אויף די גרויסע פערדינסטען פון פערשטאָרבענעם אויפ'ן געביט פון העברע־אישע ליטעראטור און פעדאגאָגיק.

יודישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד קיין ארץ-ישראל

ווייטערע פּרטים וועגען די בעראַטונגען פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע

זשענעווע (יט"א) אויף דער לעצטער סעסיע פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע, די פּראָטאָקאָלען פון וועלכער עס וועלען פאַרעפענטליכט ווערען ערשט סוף סעפּטעמבער איז, ווי דער יט"א פאַרשטעהער ווערט ווייטער געזאָגט, באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער אימיגראַציע קיין ארץ-ישראל פון דייטשע יודען. דער פאַרטרעטער פון דער בריטישער רעגירונג האָט ערקלערט, אַז די צאָהל פון די איינוואַנדערער, וועמען עס וועט דערלויבט ווערען צו אימיגרירען קיין א"י, וועט נישט פאַרגרעסערט ווערען, באַר אַ גרויסער טייל פון די איינוואַנדערונגס-ערלויבנישען וועט ווערען געגעבען דייטשע יודען און פליטים. אויף אַן אָנפראַגע פון א מיטגליד פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע, צי די בריטישע רעגירונג האָט זיך נישט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער דייטשער רעגירונג, כדי צו בעקומען די מעגליכקייט פאַר די יודען, וואָס וואַנדערען אויס פון דייטשלאַנד קיין ארץ-ישראל, מיטצונעמען זייער פערמעגען, האָט יונג געענטפערט, דאָס דער בריטישער רעגירונג איז בעקאַנט, אַז די דייטשע רעגירונג דערלויבט אין די פאַלען אַרויסצופיהרען פון דייטשלאַנד 1000 פונט.

אויף אַ פראַגע פון ד"ר רעפּעל, ווי אַזוי איז מעגליך, אַז פאַר'ן יאָהר 1932 זענען קיין א"י אימיגרירט בלויז 212 מוזולמענער און צו ערקלערט זיך דאָס נישט דערמיט, וואָס די רעגירונג האָט נישט קיין קאָנטראָל איבער די צאָהל פון אַראַבער, וועלכע קומען פון עבר-הירדן-זייט, האָט יונג געענטפערט, אַז עס איז אַזוי און אז די „אַראַבער פון עבר-הירדן דאַרפען נישט האָבען קיין פּאַס, כדי צו קומען קיין ארץ-ישראל".

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבען זיך אינטערעסירט צו וויסען וועגען דער צאָהל פון די יודען אין דער פּאָליציי און אין דער עבר-הירדן-גרענעץ-וואך און צו די יודען זענען איצט צופרידען מיט'ן צושטאַנד. יונג האָט איבערגעחזרט די זעלבע תשובה, וועלכע די בריטישע פאַרטרעטער גיבען תמיד דער קאָמיסיע בנוגע דער פראַגע, טענה'דיג, אַז פאַר דער עבר-הירדן-מאַכט מוז מען זוכען מענשען, וועלכע קענען גוט אַראַביש און אַז דאָס איז נישט לייכט צו געפינען אין אַלע פּרטים פאַסענדע מענשען.

אויף דער פראַגע, צי איז נישט פאַרהאַן קיין סכנה, אַז נאכדעם ווי די הויך-קאָניונקטור ביחוד אין דער בוי-בעוועגונג וועט זיך ענדיגען, וועט אין לאַנד אויסבּרעכען אַ קריזיס און אַרבייטסלאָזיגקייט, האָט יונג געענטפערט אָפּטימיסטיש און בעטאָנט, אַז עס וועט נישט געבויט ווערען מעהר, ווי עס איז דער פאַקטישער בעדאַרף אויף הייזער.

יונג איז אויך געפרעגט געוואָרען, צו די סומע וועגען וועלכע די רעגירונג גיט פאַר'ן יודישען שול-וועזען אין מעדיצינישען דינסט בעפרידיגט די יודען, און ער האָט דערויף געענטפערט, אַז די טענדענץ פון דער רעגירונג איז אין די גרענעצען פון דער מעגליכקייט צו פאַרגרעסערען די סובווענציען.

וועלט-קאָנפערענץ פון מזרחי'סטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס אין קראָקא

קראָקאָ, 7. (טעלעפאָניש) פון זונטאָג קומט פאָר אין קראָקא די אַלוועלטליכע קאָנפערענץ פון די מזרחיסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציע ווי „צעירי מזרחי", „חלוץ מזרחי", „הפועל מזרחי", „שומר הדתי" און דער מיידעל-אָרגאַניזאַציע „ברוריה".

קראָקאָ, 7. (יט"א טעלעפאָניש) צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 200 דעלעגאַטען פון 22 לענדער און 1000 געסט.

עס זענען געהאַלטען געוואָרען אַ רייהע רעפעראַטען וועגען ערציהונג, בעציהונג צו מזרחי, צו דער הסתדרות און צום רעוויזיאָניזם.

אַרום די זעלבע פראַגען ווערען אויך געפיהרט די דיסקוסיעס.

פון די דיסקוסיעס איז צו זעהען, אַז די שטימונג אויף דער קאָנפערענץ איז צו דערפיהרען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט דער הסתדרות אין א"י.

קראָקאָ, 7. (טעלעפאָניש) די פאָדערונגען מיט וועלכע די יוגענד איז געקומען צום וועלט-„מזרחי" זענען: 1) אַ סוף צו מאַכען צו דער ביז-איצטיגער שיטה און אויפפאַסונג, אַז דער „מזרחי" דאַרף זיך בעגנוגענען מיט אויסאיבען אַ דרוק און אַ איינפלוס אויף דער לויפענדער ציוניסטישער אַרבייט אין א"י און פּאָליטיק, ווייל איהר אידעאַל קען נאָר פאַרווירקליכט ווערען, ווען מען וועט לעגען דעם הויפט-געוויכט אויף אַ גרויסער רעליגיעזער עליה און קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבייט אין א"י

2) דער „מזרחי" דאַרף אנהויבען אַ גרויסע גייסטיגע אויפקלערונגס-אַרבייט, דורך אַ ברייט-פאַרצווייגטער רעליגיעזער, עטישער און ערציהערישער ליטעראַטור אויף אַלע געביטען פונ'ם יודישען לעבען.

3) דאָס מזרחיסטישע חנוך וועזען אין א"י און אין גלות, מוז געענדערט ווערען, אַז דיין הויפּט-יסוד זאָל זיין, אַ יודיש-רעליגיעזע ערציהונג מיט דער הוספה פון אַלגעמיינע וועלטליכע למודים. ביים היינטיגען טאָג איז דער „מזרחי"-חנוך מעהר אַ אַלגעמיינע שול מיט אַ הוספה פון יהדות און דת. אַזוי אַרום וועט דער אויבענדערמאָהנטער חנוך זיך אויך דאַרפען בעשעפטיגען מיט די „תלמוד תורות" און ישיבות. דער „מזרחי" וועט אויך דאַרפען אַריינשטעלען אין זיין ערציהערישען פּראָגראַם דעם „אַרבייטס-יסוד".

4) ענדגילטיגע רעאָרגאַניזאַציע פון דער ביז איצטיגער אַדמיניסטראַטיווער ליידונג. אין דער שפּיץ פון דער בעוועגונג דאַרפען אַוועקגעשטעלט ווערען מענשען, וועלכע זאָלען האָבען דעם מוט אַ סוף צו מאַכען צו דער ביז-איצטיגער שיטה און אויף זיך נעהמען צו פאַרווירקליכען דעם אויבען-אָנגעצייכענטען אַרבייטס-פּלאַן.

5) עס מוז קומען אַ פולשטענדיגע רעאָרגאַניזאַציע אין דער פינאַנס-אַרבייט פון דער מזרחיסטישער וועלט-בעוועגונג, צופּאַסען דעם „קרן א"י של המזרחי" צו די גרויסע פּראַקטישע אַרבייטען פונ'ם „מזרחי" אין א"י און אַרויפלעגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר'זעליך אויף די פיהרער אין גלות וועלכע דאַרפען זיך. ווייניגער אָבגעבען מיט דער גלות-פּאָליטיק און טראָגען דאָס אחריות פאַר דער פּראַקטישער אַרבייט אין ארץ ישראל.

שטרייק אין שטראַסבורג דויערט

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.)

דער שטרייק אין שטראַסבורג דויערט ווייטער, די ליידונג פון די שטרייק-אַקציע מאַכט בעקאַנט, אז היינט וועלען וואַרפען די אַרבייט אלס צייכען פון סאָלידאַריטעט, אויך די באַהן-אַרבייטער, עס איז פּראָויסגעזעהען, אַז עס וועלען צושטעהן צום שטרייק די פּאָסט-בעאַמטע.

פראַנצויזישער פּויער האָט צוטרוי צו דער רעגירונג

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.)

לויט די פינאַנץ-בעריכטען, האָט די לעצטע אינערליכע 4 פּראָצענטיגע הלוואה, וועלכע האָט איבערגעשטיגען מיט איין מיליאַרד די פּרעליִמינאַר-סומע, געדעקט ס'רוב דאָס פראַנצויזישע דאָרף.

די פּרעסע קלערט אויף די דאָזיגע ערשיינונג מיט'ן צוטרוי פון די ברייטע מאַסען צו דער רעגירונג, וועלכע האָט בעוויזען אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, צו פאַרטיידיגען דעם פּרינציפּ פון אונבעריהרליכקייט. פון דער פאָלקס-וואַלוטע און איהר גאָלד-דעקונג.

40-שעהדיגע אַרבייטס-וואָך אין דער אַמעריקאַנער פלייש-אינדוסטריע

וואַשינגטאָן, 7 (ספּ. טעל.)

גען. דזשאָנסאָן האָט בעשטעטיגט דעם צייטווייליגען קאָדעקס פאַר דער פלייש-אינדוסטריע, פאָרזעהענדיג, אַ 40 שעה'נדיגע אַרבייטס וואָך פאַר 140 טויזענד אַרבייטער.

דער קאָדעקס גיט אַרבייט נאָך 20 טויזענד אַרבייטסלאָזע.

Dr. med. H. LUBICZ
ספּעציאַליסט פאַר וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקה
צוריקגעקעהרט
צעגעלניאַנאַ 7, טע. 141-32.
נעהמט אָן פון 10-8 פריה, פון 12—2 נאָכמ. און פון 5—8 אָוונד, זונטאָג פון 9—11 בייטאָג.

Dr. R.
Zalcwasser
CHIRURG — כירורג
ציגעל-גאַס 19, טעל. 17-125
נעהמט אָן פון 1—2 בייטאָג און פון 4—7 נאָכמ.

ד"ר מעד.
מ. העללער
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 17989.
נעמט אָן ביז 10 פריה און פון 4—8 אָוו.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלע ווארטע-זאַל.
אונבעמיטעלטע לעטשוניצע-פּרייזען

אין יאָהר 1924 געשטורמט און געקעמפט און איצט ביי דער מאַכט

איינדריקען פון לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר

די פאַרשטעהער פונ'ם רעזשים אין פּוילען, וועלכע שטאַמען אַלע פון דער לעגיאָניסטען-מאַסע, האָבען אָרגאַניזירט דעם 12-טען לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר שוין נישט אין אַזאַל, נאָר אונטערן פרייען הימעל, אויפ'ן וואַרשאַווער „פּלאַץ בראָני", נעבען ציטאַדעל, דעם טראַוגוט-קרייץ, דאָרט, וואו צענדליגער פּוילישע פרייהייטס-קעמפער זענען אומגעקומען אויף די תליות דערפאַר, וואָס זיי האָבען געטראַכט אַזוי ווי די שטעדיגע לעגיאָניסטען.

האָט מאַקי דער איצטיגער לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר געטראָגען א כאַראַקטער פון א מאַסען יום טוב און נישט פון א מיטינג, ווי עס איז געווען ביז איצט.

אין וואַרשאַ איז דער לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר פאָרגעקומען צום צווייטען מאָל.

צום ערשטען מאָל איז ער פאָרגעקומען אין וואַרשאַ אין יאָהר 1924 דאַן ווען דער לעגיאָנען-לאַגער האָט זיך געפונען אין שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, ווען מאַרשאַל פּילסודסקי איז געקומען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר און געשטורעמט די רעגירונג, געשטורמט געגען דעם קריגס-מיניסטער גענעראַל שיקאָרסקי און געקעמפט פאַר מאַכט.

איצט, אין יאָהר 1933, איז דער לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר צום צווייטען מאָל פאָרגעקומען אין וואַרשאָ, שוין אָהן דעם אנטייל פון מאַרשאַל פּילסודסקי. איהם האָט פאַרטראָטען זיין ברודער, יאַן פּילסודסקי, וועלכער האָט בלויז איבערגעלייענט א שריפטליכע בעגריסונג פונ'ם מאַרשאַל.

מען האָט שוין, אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, נישט געהערט קיין ווערטער פון קאַמף און דראָהונג. נישטאָ שוין כמעט געגען וועמען צו קעמפען; די אָפּאָזיציע איז שוואַך און צובראָכען; אפילו געגען דעם שטאַרקסטען שונא, דעם עקאָנאָמישען קריזיס,

פון אונזער וואַרשאַווער קאָרעספּאָנדענט מ. עלבוים

האָט גענעראַל סקלאַדקאָווסקי — אין זיין וויכטיגער רעדע — געהייסען זיך אויסלאַכען, ווייל — „מיר לעגיאָניסטען, האָבען שוין דורכגעמאַכט נישט איין עקאָנאָמישען קריזיס און — מיר לעבען און וועלען לעבען".

דער טאָן אויפ'ן צוזאַמענפאָהר איז געווען, ווי געזאָגט, שוין נישט דער קאַמף פאַר מאַכט, נאָר פאַר — דערהאַלטען די מאַכט, זיכערן דעם קיום פונם איצטיגען רעזשים, פערזיכערן, אַז די איצטיגע פיהרער פון דער מלוכה זאָלען אויף לאַנג, לאַנג בלייבען.

און דאָס האָט געטון דער גען. פּרעמיער, דער געטרייעסטער חסיד און פריינד פון מאַרשאַל פּילסודסקי, — פּולקאָווניק סלאַוועק.

ער האָט פאַר דער צעהנדליגער-טויזענד-קעפּיגער אַלטער און יונגער לעגיאָניסטען-מאַסע ענטוויקעלט דעם פּראָיעקט פון ענדערן די קאָנסטיטוציע, איבער וועלכען ער אַרבייט שוין עטליכע יאָהר. עס זאָל הייסען, אַז דער סענאַט זאָל האָבען די הויפּט-דעה אין לאַנד און בעשטעהען זאָל ער, דער סענאַט, פון דער לעגיאָניסטען-עליטע, פון די אַלע, וואָס האָבען געקעמפט און זיך דערדינט אין קאַמף פאַר פּוילענס בעפרייאונג. דאָס מיינט, אַז די מאַכט זאָל, קאָנסטיטוציאָנעל געהערען צו די, וואָס שטאַמען אַרויס פון דער ערשטער, צווייטער און דריטער בריגאַדע.

די לעגיאָניסטען איז, צום 12-טען צוזאַמענפאָהר, געגעבען געוואָרען די מתנה: אויסשליסליכע וואַהל-רעכט צום סענאַט, פערזיכערט און געשטאַרקט דורך דער געענדערטער קאָנסטיטוציע.

יודיש טעאַטער „פילהאַרמאָניע" נאַרוטאָוויטשאַ 20, דיר.: ד. צעלמייסטער
היינט, דינסטאָג, 9 אָוועגט טרעט אויף פאַר'ן לאָדזער טעאַטער-עולם דער גרויסער גאַסט, ליבלינג פון אַלע וועלט-טיילען, קעניג פון דער אייראָפּעאישער אָפּערעטע
מיכאל מיכאַלעסקא
צוזאַמען מיט דער פענאָמענאַלער פּרימאַדאָנע
● בעטי סימענאָוו ●
אין דעם גרויסען, אויסערגעוועהנליכען, אימפּאָזאַנטען אָפּערעטען-שלאַגער אין 3 אַקטען, (6 בילדער) 30 נומערן געזאַנג און טענץ
דער לעצטער טאַנץ

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „פילהאַרמאָניע"-טעאַטער.

לאדז. 8 אויגוסט 1933

„ניער פאלקסבלאט"

לאדז. 8 אויגוסט 1933

אזעלכע זענען זיי, די יודישע מיליאנערען

ראזענוואלד פאר נעגערס, לעב—פאר היטלעראוצעס

דזשעמס לעב, דער מיטאינהאבער פון דעם יו־דישען באנק־הויז קון, לעב און קאמפּ, וועלכער איז אין מאי־מאנאט געשטארבען אין מורנאו, (דייטשלאנד) האט אפגעשריבען א מיליאן דאלאר פאר דעם מינכענער אינסטיטוט פון פסיכאלאגישע פאר־שונגען. גלייכצייטיג האט ער פערשריבען 25000 דאלאר אויף דער יודישער פלעגערין־שול אין האמבורג. די ידיעה האט מיט עטליכע טעג צוריק גע־בראכט די יודישע טעלעגראפען־אגענטור פון ניו־יארק.

וועגען פערשטארבענע איז אנגענומען צו רע־דען גוט אדער גארנישט. און איבריגענס די אומ־שטאנדען בעווייזען, אז לעב האט נישט אזוי שלעכט געמיינט, ווי עס איז אויסגעפאלען. די צוואה האט מען געעפענט אין ניו־יארק, ווייזט אויס, אז לעב האט די צוואה דארט איבערגעלאזט איידער ער איז געפאהרן קיין אייראפּע פון וואנען איהם איז שוין נישט בעשערט געווען זיך אומצוקעהרען, ווארשיינליך האט מען אין סאנאטאריום פאר איהם פערהוילען אלע הייריעהריגע נייעס פון דייטשלאנד. ער האט גארנישט געוואוסט וועגען היטלערן, ניין, לעב האט נישט געהאט בדעה עפּעס אפּצושרייבען פאר'ן היט־לערישען דייטשלאנד.

מיר האבען ערפילט דעם חוב לגבי א מענ־שען וועלכער קאן זיך שוין מעהר נישט פערטיידיגען און מיר האבען געבראכט די ארגומענטען, וואס רע־דען אין זיין שוץ, מיר דערמאהנען די גאנצע מעשה בלויז דערפאר ווייל זי דערמאהנט אונז אין דעם אל־טען יודישען וועהטאג. מיר האבען נישט קיין גליק צו אונזערע יודישע מיליאנערען. בלויז צוויי נעמען פון יודישע מיליאנערען האבען זיך אין משך פון די לעצטע פופציג יאהר פערשריבען אין דער גע־שיכטע פון יודישען פאלק: באראן הירש און בא־ראן עדמונד ראטשילד. בלויז אט די ביידע האבען געדענקט אז זיי זענען יודען און אז זיי האבען פליכ־טען לגבי יודען, דאגעגען אין די צעהנדליגער קאן מען אויסרעכענען נעמען פון יודישע מיליאנערען, וועלכע האבען פערשריבען ריזיגע סומען אויף אנ־דערע צילען נישט געדענקענדיג לחלוטין וועגען יודען.

מען קען נישט זאגען: אויך די אנדערע צילען זענען צילען, וואס פערדינען אונטערשטיצט צו ווע־רען. זענען דאך די נעגערס, וועלכע דער יודישער מיליאנער יוליוס ראזענוואלד פון טשיקאגא האט פערשריבען עטליכע מיליאן דאלאר (דערזעלבער, וועמענס יורשים וואלטען איצט געוואלט אנולירען זיין מתנה פון א מיליאן דאלאר פאר דער דענטיס־טישער קליניק אין בערלין פון וואנען מ'האט ארויס געטריבען אלע יודען) אט די נעגערס זענען דאך אויך אן אומגליקליך פאלק און די מיליאנען זענען זיי זעהר גוט צונוץ געקומען, אבער...

וואס [illegible] דא אייגענטליך צו שרייבען? וועמען עס פיהלט נישט אז דא איז עפּעס נישט אין ארד־נונג, דעם וועלען קיין ארגומענטען נישט איבער־צייגען און עס זענען פערהאן, ווייזט אויס, א סך יודען, וועלכע פיהלען דאס נישט. בעזונדערס צאהל־רייך זענען די רעפּרעזענטירט אין יענע יודישע ספע־רען וועמען דער גורל האט בעפרייט פון מאטעריעלע דאגות און האט זיי דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון וואוילשטאנד און רייכטום. פון דער דא־זיגער הויכקייט בעהמען די ארום מיט זייער בליק די גאנצע וועלט און בעמערקען נישט דעם המון, וואס וואלגערט זיך אין דער נאהענט פון זיי פון וואנען זיי זענען אליין ארויסגעקומען.

עס ווערט ביטער ביים געדאנק, אז אויף די דא־זיגע אייגענע מאסען פאלען אלע קאנסעקווענצען פון דער קנאה וואס איז דערוועקט געווארען טאקע דורך די פערמעגענס פון אט די מיליאנערען. די יו־דען זענען רייך! די יודען פערמאגען קאפּיטאלען! אט דאס איז דאס לידעל וועלכעס עס מוזען אויסהע־רען מיליאנען יודישע ארימעלייט דערפאר, ווייל עס עקזיסטירט א הייפעל יודישע מיליאנערען! און אט די יודישע מיליאנערען באדען זיך אין כבוד און אין אלגעמיינער אנערקענונג און אין זייער גרע־סטען טייל מאכען זיי דעם אנשטעל ווי זיי וואלטען נישט געוואוסט, אז זייער וואוילטאג פערגרעסערט בלויז די ליידען פון די אנדערע יודען.

נאטירליך איז נישטא קיין שום האפענונג אז ווערטער זאלען אין דער מינדעסטער מאס קאנען ענ־דערען אט די פערהעלטענישען. איבריגענס דער־געהען נישט ווערטער צו זיי, וועגען וועלכע עס האנ־דעלט זיך, עס דארף אנגענומען ווערען פאר א כלל פון דער נאטור, אז א יוד, וואס ווערט א מיליאנער איז פאר זיין פאלק פערלוירען, מיט עטליכע יאהר צוריק האט זיך חיים ווייצמאן גערעכנט אז איהם איז געלונגען צו מאכען א דורכברוך אין דעם דא־זיגען געזעץ און ער האט זיי אפּגעשטעלט א בכבודיג ארט אין דער לייטונג פון יודישען רענעסאנס. צי איז דאס נישט פולשטענדיג נאטירליך? ווייל וועמען קעהערט דאס בכבודיגע ארט, אויב נישט זיי?

וואס עס האט דערנאך פאסירט האט ווייטען אלע. פאר'ן לעבען האבען אונזערע מיליאנערען אנדערע דאגות און ווען עס קומט די שעה פון טויט, ווענדען זיך, דאכט זיך, זייערע גע־דאנקען אין דער ריכטונג פון זייערע אייגענטליכע חלומות: אויך אויף דער אנדערער וועלט וועלט זיך איינ־צוקויפען אין יחוס פון דער אומגעבונג. זייערע טעס־טאמענטען זענען נאר די לעצטע פּראבע צו פער־הייבען די שפּורען.

זאל מען אונז מוחל זיין פאר די הארבע ווער־טער וועגען זאכען וואס זענען פערבונדען מיט'ן גע־דאנק וועגען טויט. אבער צי קאן מען שווייגען? א מיליאן דאלאר! וויפיל זאכען וואלט מען געקאנט אויפטון פאר דעם געלד, א שטייגער, אין פּאלעסטי־נע?! וויפיל חלוצים וואלט מען געקאנט דארט בע־זעצען?! אדער וויפיל טרעהרען פון יודישע פרויען וואלט מען דא געקענט אפּווישען? וויפיל יודישע קינדער וואלט מען געקאנט ראטעווען דאס לעבען?!

ניין, לאמיר, פערגעסען וועגען די יודישע מי־ליאנערען, אדער גיכער לאמיר צו זיי קיין פּרע־טענזיעס נישט האבען, אט אזעלכע זענען די. לאמיר זיך גיכער פרייען, וואס אין יודישע ספערען הערשט אנ'אנדערער גייסט, פון זייער דיס דארפען מיר נישט מורא האבען פאר סורפּריזען א לא ראזענוואלד אדער לעב.

דאס אלץ איז צייטווייליג

הויכער פראנצויזישער דיפלאמאט מיינט, אז די קלאנגען וועגען הונגער אין רוסלאנד זענען איבערטריבען, — מ'איז ענטציקט פון סאוויעטישען טעאטער

אין א פאריזער עמיגראנטישער, דאס הייסט סאוויעטען־פיינדליכער צייטונג, איז אפּגעדרוקט א זעהר אינטערעסאנטער אינטערוויו מיט א פראנצוי־זישען דיפּלאמאט, וועלכער וואוינט שוין פון לאנג אין רוסלאנד און איז זעהר גוט בעקאנט מיט די דארטיגע בעציהונגען. דער דיפּלאמאט האט געבע־טען זיין נאמען נישט צו פערעפענטליכען, אבער דער אופן ווי אזוי די צייטונג האט דעם געשפּרעך געגעבען, לאזט דענקען, אז דאס איז נישט עמיץ אנדערש, ווי דער פראנצויזישער באטשאפטער אין מ. סקווע, אלפאן, דהיינו אין דעם נומער ווערט געבראכט א ידיעה וועגען אלפאנ'ס בעזוך אין פּאריז, אז ער איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן אויסערן־מיניסטער פּאל באנקור און דורכ'ן פּרע־מיער דאלאדיע, און באלד נאך דער ידיעה, אפּגע־טיילט מיט דריי שטערענדלעך, גיט די צייטונג דעם אינטערוויו מיט דעם גוט אינפארמירטען דיפּלאמאט.

אלפא דער הויכגעשטעלטער אינפארמאטאר האט זיך קודם כל ארויסגעזאגט וועגען דער אויסערליכער פּאליטיק פון די סאוויעטען, וועגען דער פערערגערונג פון די בעציהונגען מיט דייטשלאנד און וועגען די פארבעסערטע בעציהונ־גען מיט פראנקרייך און פוילען, וועגען דעם מצב אויפ'ן ווייטען מזרח. דאס זענען אלץ מעהר אדער ווייניגער בעקאנטע זאכען. אבער דאן איז ער אריבער אויף דער לאגע אין סאוויעטען־פערבאנד גופא און דא זענען זיינע מיינונגען בעדייטענד מעהר אריגינעל.

אלע קלאנגען וועגען הונגער אין סאוויעטען־פערבאנד, האט דער דיפּלאמאט געזאגט, זענען איבערגעטריבען. און דאס איז פער־שטענדליך. ביי דער אונמעגליכקייט פון פרייער בעוועגונג אין רוסלאנד ווייסט קיינער גארנישט. פערשטייט זיך דער איבערגאנג פון איין שניט צום צווייטען איז פערבונדען מיט שוועריגקייטען, אבער דאס איז א צייטווייליגע און פאראיבער־גייענדיגע ערשיינונג. נישט לאנג איז אין מאסקווע איינגעארדענט געווארען א פּאראד פון הונדערט טויזענט ארבייטער־ספּארטלער און איך פערזיכער, אז קיינער פון זיי האט נישט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט געווען הונגעריג.

דער דיפּלאמאט דערציילט ווייטער, אז די פראנצויזישע באטשאפט האט מיט א געוויסער צייט צוריק איינגעארדענט א גרויסע אויפנאהמע. דערצו זענען אייניגע מאכלים אויסגעשריבען געווארען פון אויסלאנד, אבער אלע איבריגע עסענווארג האט מען בעקומען וויפיל מען האט נאר געוואלט אין מאסקווע. אויפ'ן פרייען מארק אין מאסקווע קאן מען בעקומען, וואס נאר מען וויל און אין דער בעסטער קוואליטעט. ווייס מעהל שרייבען די געזאנדשאפטען אויס, ווייל עס איז אין מאסקווע צו טייער. אויף דער פראגע, צי קומט איהם נישט אויס מאדנע, וואס פאר רוס־לאנד דארף מען אויסשרייבען ווייס מעהל, האט דיפּלאמאט געענטפערט, אז דאס זענען אלץ נאר צייטווייליגע ערשיינונגען.

צי איז אמת, אז אויף די גאסען גייען אלע ארום שמוציג און אפּגעריסען? אויף דער פראגע האט דער דיפּלאמאט געענטפערט: די רוסישע רעוואלוציע האט פונקט ווי אלע אנדערע קודם כל געטראגען א בעקליידונגס־כאראקטער. אין מאס־קווע הערשט איצט נאטירליך דאס היטל און דער ווייכער קראגען. אבער מען מוז ערקלערען, אז איצט איז דער עולם בעדייטענד בעסער אנ־געטון, ווי אין יאהר 1916.

וועגען סאוויעטישען טעאטער האט דער דיפּלאמאט ערקלערט:

דאס טעאטער אין רוסלאנד ווייזט וואונדער. עס איז צעהן מאל בעסער פון דעם דייטשען און איהר ווייסט, אז די דייטשען זענען אין דער הינזיכט פיל העכער פאר די פראנצויזען (דער דיפּלאמאט האט דא זיכער געהאט אין זין דאס דייטשע טעאטער פון פאר היטלערס הערשאפט, ווייל עס ווערט פעסטגעשטעלט פון אלע אהן אויסנאהם אבסערוואטארען פון איצטיגען דייטשען לעבען, אז פון זינט די נאציאנאל־סאציאליסטען האבען גלייכגעשאלט די קולטור און האבען פער־טריבען די יודען פון אלע קולטורעלע געביטען, איז דאס טעאטער אין דייטשלאנד געפאלען ביז צו דער נידריגסטער מדרגה פון ערגסטען פּרא־ווינציעלען מין. דאס האט צוו. אנד. פעסטגע־שטעלט דא נישט לאנג אין זיינע רעפּארטאזשען וועגען דייטשלאנד אויף דער ספּעציעלער שליח פון די „וויאדאמאשטשי ליטעראצקיע" אנטאני סאבאנסקי, בעמ. פון רעד. נ. פ.)

נישט לאנג, דערציילט דער דיפּלאמאט, בין איך געווען אין מאסקווער גרויסען טעאטער אויף דער פּרעמיערע פון באלעט „פלאמען פון פּאריז". דער באלעט בעהאנדעלט אין טאנץ־פארם די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע. אלע קאסטיומען זענען אויסגעפערטיגט לויט אריגינעלע צייכענונ־גען פון פראנצויזישע מוזייען. די מוזיק איז בא־זירט אויף פראנצויזישע לידער און טענץ פון יענער צייט. דער שפּעקטאקעל האט מיך ענטציקט... אין סאוויעטישען באלעט שפּילען די היסטארישע פערזענליכקייטען א קליינע ראלע. דער הויפּט־אקטיאר איז די מאסע. און אין דער הינזיכט פון בעהערשען די מאסען זענען די סאוויעטישע רעזשיסערען אמת'ע מייסטערס.

דער דיפּלאמאט האט זיך נאך אפּגעשטעלט אויף א אינטערעסאנטען שטייגער־שטריך פון היי־טיגען רוסלאנד. די אמאליגע פערטרעטער פון אויסלענדישע מלוכות האבען געוועהנליך געהאט צו טון בלויז מיט מענשען פון די העכסטע ספע־רען און פון דער הויכער ביוראקראטיע. היינט האט זיך די לאגע אינגאנצען געביטען. דעם פאר־שטעהער פון א מלוכה קומט אויס צו שטעלען זיך אין קאנטאקט מיט ארבייטער און פויערים. ער אליין דער אינפארמאטאר, א שטייגער, לערנט זיך רוסיש ביי א יונג מיידעל. זי איז אלט א יאהר צוואנציג, רעדט פערפעקט פראנצויזיש און איז אויסגעצייכענט אינפארמירט וועגען אלעמדינג. זי איז די טאכטער פון א זעהר אנגעזעהענעם קאמוניסט.

די בלוטיגע געשעהענישען אין שטראסבורג

פרטים וועגען די שלאכטען צווישען ארבייטער און פאליציי

וועגען די בלוטיגע קאמפען, וואס האבען זיך די טעג אפּגעשפּילט אין שטראסבורג ווערען איבערגעגעבען פאלגענדע פרטים:

דער שטרייק פון די מוירער אין שטראס־בורג און אין דעפּארטאמענט בא־רען איז אין משך פון די לעצטע עטליכע טעג פערוואנדעלט געווארען אין א גענעראל־שטרייק, אזוי ווי די שטרייק־קאסע איז שוין געווען כמעט ווי אויסגע־שעפּט, האבען אלע אנדערע פּראפעסיאנעלע פער־איינען בעשלאסען מאטעריעל צו העלפען די שטרייקענדע מוירער. אין משך פון שטרייק זענען אהן אויפהער פארגעקומען גרעסערע מיטינגען און דאס האט געבראכט צו צוזאמענשטויסען מיט פּא־ליציי, וועלכע האט נישט געוואלט צולאזען צו מאניפעסטאציעס אין די הויפּט־גאסען פון דער שטאט.

סוף יולי איז די סיטואציע געווארען אזוי פערשארפט, אז די פיהרער פון די ארבייטער הא־בען בעשלאסען צו ערקלערען א גענעראל־שטרייק אויפ'ן ערשטען אויגוסט. אין ערשטען טאג פון גע־נעראל־שטרייק זענען צוגעטראטען צו דער אקציע די ארבייטער פון די קאמונאלע אונטערנעהמונגען. עס איז פארגעקומען א גרויסער מיטינג, אבער א חוץ עטליכע קלענערע אינצידענטען איז צו קיין צוזאמענשטויסען נישט געקומען, ווייל פּאליציי און זשאנדארמען האבען נישט צוגעלאזט צו קיין ארויסטריטען אין צענטער פון דער שטאט.

דעם 2־טען אויגוסט זענען צום שטרייק צו־געטרעטען א חוץ די שטאטישע ארבייטער אויך די בעקער, די ארבייטער פון דער גאז־אנשטאלט, פון וואסערלייטונג, פון שלאכטהויז, די טראמוואיען. אויפ'ן בערזע־פּלאץ האט זיך פערזאמעלט אנ'עולם פון עטליכע טויזענד ארבייטער. נאך אייניגע רע־דעס זענען די ארבייטער אוועק אין דער ריכטונג פון צענטער פון דער שטאט. עס איז געקומען צו ערנסטע צוזאמענשטויסען מיט פּאליציי און זשאנ־דארמעריע. אייניגע פּערזאן זענען ארעסטירט גע־ווארען, אדער די ארבייטער האבען אנגעקינדיגט ווייטערדיגע דעמאנסטראציעס אויפ'ן צווייטען טאג.

און ווירקליך דעם אנדערען טאג איז פאר־געקומען א גראנדיעזער מיטינג, נאך וועלכען די ארבייטער זענען אוועק אין א צוג צום צענטער פון דער שטאט. אבער אויפ'ן וועג זענען זיי פער־האלטען געווארען דורך פוס און רייטער־זשאנדארען וועלכע זענען ארפּגעבראכט געווארען פון מעץ און פון נאנסי.

דער צוזאמענשטויס איז פארגעקומען אויף דער בריק ביים פּלאץ קארבא. די ארבייטער הא־בען געבראכען דעם ווידערשטאנד פון די זשאנ־דארען און זענען דורך דער בריק אריין אין צענ־טער פון דער שטאט, עס האט זיך אנגעהויבען די בלוטיגע שלאכט צווישען די ארבייטער און די זשאנדארען. די זשאנדארען זענען בעשאסען גע־ווארען דורך א האגעל שטיינער און זענען געשלא־גען געווארען מיט בעלקעס פון רושטאוואניעס פון א הויז דערנעבען. די שלאכט האט געדויערט דריי שעה און דאן איז דער פּאליציי און די זשאנדא־רען געלונגען צו בעהערשען די לאגע. אויף ביידע זייטען זענען געווען פיל פערוואונדעטע.

שטראסבורג איז בעריהמט אלס איינע פון די ריינסטע שטעט אין אייראפּע. נאך דער שלאכט האבען די גאסען פארגעשטעלט א בילד פון גרוי־סען חורבן. שמוציג איז אויך צוליבען שטרייק, וועלכע האט אפּגעשטעלט אלע ארבייטען ביים ריי־ניגען די גאסען.

נאך דער בלוטיגער שלאכט איז געווארען א ביסעל רוהיג, אבער נישט אויף לאנג, ווייל אין אווענד האבען זיך די עקסצעסען ווידער אנגע־הויבען ביים פּלאץ קארבא. עס האבען זיך אנ־געהויבען אנפאלען אויף בעזונדערע פּאליציי־פּאטרולען און ווידער איז געקומען צו א גרויסען צוזאמענשטויס צווישען די פּאליציי און די ארביי־טער. בשעת מעשה זענען צובראכען געווארען אלע לאמטערנס אויף די גאסען און די שטאט איז איינגעהילט געווארען אין טיפער פינסטערניש. די ארבייטער האבען איבערגעקעהרט עטליכע אויטאס און האבען געמאכט באריקאדען, פון הינטער וועלכע זיי האבען בעשאסען די פּאליציאנטען מיט שטיינער. דאן איז געגעבען געווארען איין זאלפּ און דערנאך נאך עטליכע און עס האט זיך ענטוויקעלט א שווערע בלוטיגע שלאכט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. אין רעזולטאט האבען צעהנדליגער ארבייטער בעקומען שיס־וואונדען, אויך פיל פּאליציאנטען זענען פערוואונדעט געווא־רען פון די שטיינער.

די מאכט האט ארויסגעגעבען זעהר שטרענ־גע פעראָרדנונגען, וועלכע גרעניצען מיט אויס־נאהם צושטאנד, כדי נישט צו דערלאזען צו נייע אונרוהען.

אַ יודישע פרוי בּעפרייט די פרויען אין שפּאַניען

די פרוי מאַרגאַריטע נעלקען, וועלכע שטאַמט פון די בּאַלטישע געגענדען.—זי איז די קעמפערין פאַר פרייהייט פון די שפּאַנישע פרויען.—ווי אַזוי די יודישע פרוי האָט בּעהערשט אַ המון פון 85,000 צוהיצטע שפּאַנישע פרויען

פון דר. נחום סלושש.

אַ פערקעהרטע שפּיל; אין דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון רעפאָרמאַציע, הומאַניזם און קולטור, איז יעדע פאָרם פון פרייהייט און מענשען־רעכט אונטערדריקט געוואָרען אָהן רחמנות; אין שפּאַניען, דאָס לאַנד פון אינקוויזיציע און קאַטוילישען פאַנאַטיזם, האָט דער עקסטרעמער ראַדיקאַליזם פערכאַפּט די מאַכט. אין אַ לאַנד, וואו די פרוי איז בּיז די לעצטע יאָהרען געווען פשוט פערשקלאַפט, כמעט ווי בּיי די אַראַבּער און די טערקען, האָט די קאָנסטיטוציע געגעבּען די פרויען פולשטענדיגע בּירגערליכע און פּאָליטישע רעכט און גלייך בּיים אָנהויבּ פון דעם נייעם רעזשים זענען צוויי פרויען אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט. דאָס זענען קלאַראַ קאַמפּאַ־אַמאָר, אַ טאָכטער פון די אָרימע שיכטען פון דער בּעפעלקערונג און מאַרגאַריטאַ נעלקען, אַ יודישע פרוי, אַ מאַהלערין, וועלכע שטאַמט פון די בּאַלטישע פּראָווינצען.

אַ מערקווירדיגע פרוי איז די דאָזיגע נעלקען, וועלכע איז, ווי ס'שיינט, אַ קרובה פון מאַקס נאָרדוים מוטער, וועלכע האָט געשטאַמט פון ריגע און האָט אַלס מיידעל געטראָגען דעם זעלבּען נאָמען. די אומשטענדען האָבּען פערטראָגען די נעלקען־פאַמיליע אין שפּאַניען, וואו זי האָט לאַנגע יאָהרען געלעבּט אין דער שעהנער פּראָווינץ עסטראַ־קאַדוראַ. דאָרט האָט מאַרגאַריטאַס טאַלאַנט אַלס מאַהלערין זיך ענטוויקעלט בּיז זי איז געוואָרען בּעריהמט. אָבּער פרוי נעלקען איז אויך אַ שריפטשטעלערין און אַ העכסט געבּילדעטער מענש, אַן אַרט מאַרגאַריטאַ זאַרפאַטי (צרפתי), מוסאָליניס יודישע פריינדין אין איטאַליען. זי איז נישט בּעקאַנט אין אויסלאַנד, ווייל זי שרייבּט פיל איבּער קונסט און אַנדערע קולטור־ענינים, נישט נאָר אין די שפּאַנישע צייטונגען נאָר אויך אין די ענגלישע פראַנצויזישע און סקאַנדינאַווישע זשורנאַלען.

אין שפּאַניען ווידער איז זי זעהר פּאָפּולער אַלס פּאָליטישע קעמפערין, זי איז אַ סאָציאַליסטקע און מעהר ווי אַלעס בּעקעמפט זי די רעליגיעזע רעאַקציע, וועלכע בּעהערשט די מוחות און הערצער פון די מעהרסטע שפּאַנישע פרויען. דערפאַר האָט זי, הגם אַ ראַדיקאַלע פרוי, בּעקעמפט די פולשטענדיגע פּאָליטישע גלייכהייט פון די פרויען, ווייל זי האָט מורא, אַז זיי וועלען אינגאַנצען בּלייבּען אונטער דער הערשאַפט פון די גלחים און וועלען דעריבּער זיין אַ געפאַהר פאַר דעם פרייען רעזשים אין לאַנד.

פרוי נעלקען איז זעהר טעטיג. זי האַלט לעקציעס איבּער קונסט אין פּראַדאָ, דעם בּערימטען מוזיי פון מאַדריד און אין אַלע גרעסערע שטעדט אין שפּאַניען, און שרייבּט בּיכער, וועלכע ווערען פיעל געלייענט.

אין איהר ערשטען ווערק האָט זי בּעהאַנדעלט „די סאָציאַלע לאַגע פון דער פרוי אין שפּאַניען", וואו זי האָט מוטיג און מיט פיעל איבּערצייגונג בּעקעמפט דעם שעדליכען איינפלוס, וואָס די גייסטליכע און ספּעציעל די מאָנאַסטירען און די רעליגיעזע בּעלי־צדקה האָבּען אויף דער מאַסע פון פאָלק. אין יענעם בּוך טרעט זי אויף אַלס בּיטערער פיינד פון דער פאַנאַטישער, רעליגיעזער פערגאַנגענהייט און ערקלערט, אַז די מאָנאַרכיע, וועלכע שטיצט זיך אויף רעליגיע און מיליטאַריזם האָט געפיהרט צום אומגליק פון לאַנד.

אָבּער פרוי נעלקען געפינט אויך צייט צו זיין טעטיג אַלס געזעלשאַפטליכע טוערין. אין מאַדריד האָט זי געגרינדעט אַ מוסטערהאַפט „קינדער־הויז" צו ערציהען קינדער אָהן רעליגיעזען אונטעריכט. דער ערפאָלג פון דעם אַנשטאַלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אויבּער־ראַט פון מלוכה'שען קינדער־שוץ האָט זי דערפאַר בּעשאָנקען מיט אַן עהרען־דיפּלאָם, און פיעל אַנדערע אַנשטאַלטען האָט זי בּייגעטראָגען צו דער פערבּעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע און דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אַרבּייטער.

פרוי נעלקען איז פערמעגליך, אָבּער זי האַלט זיך זעהר דעמאָקראַטיש. זי קומט אומעטום אַלס פריינדין צווישען אַרבּייטער־פרויען און אין די פערוואָרפענסטע שטעטלעך פון שפּאַניען און אָרגאַניזירט דאָרט פרויען־פעראיינען.

אין איהר וואוינאָרט אין עסטראַמאַדורע איז זי פשוט פערגעטערט. זי נאָר די נייע רעפּובּליק האָט ערקלערט, אַז פרויען קענען געוועהלט ווערען אַלס דעפּוטאַטען צום פּאַרלאַמענט, האָבּען די איינוואוינער פון דער געגענד זי ערוועהלט אַלס זייער פאָרשטעהערין. האָט זיך אָבּער אַרויסגעוויזען אַז פרוי נעלקען איז נאָך גאָרנישט געווען נאַטוראַליזירט, אָבּער איהר נאָמען איז שוין געווען אַזוי פּאָפּולער אַז מען האָט גלייך דורך אַ בּעזונדערען דעקרעט זי ערקלערט אַלס שפּאַנישע בּירגערין, און אַזוי זיצט זי צווישען די רעפּובּליקאַנישע און סאָציאַליסטישע געזעצגעבּער אין פּאַרלאַמענט, זי איז בּעקאַנט ווייט אין לאַנד אַלס „אונזער מאַרגאַריטאַ", איז געליבּט און געשעצט פון די בּרייטע שיכטען פון פאָלק און שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער בּעוועגונג, וועלכע שטרעבּט איינצופיהרען אין שפּאַניען אַ פרייע און פּראָגרעסיווע לעבּען.

סעניאָראַ נעלקען פערדאַנקט אַ גרויסען טייל פון איהר פּאָפּולאַריטעט דערצו, וואָס זי בּעקעמפט יענעם רעליגיעזען איינפלוס אויף דאָס געזעלשאַפטליכע לעבּען, און אין דעם געפיהל טרעפען זיך צוזאַמען די עמאַנציפּירטע סאָציאַליסטישע פרוי פון די בּאַלטישע בּרעגען מיט די אייניקלעך פון די לאַנג אונטערדריקטע יודישע און אַראַבּישע מאַראַנען, וועלכע האָבּען געירשנט פון זייערע עלטערען אַ טיפע פערבּיטערונג געגען דער קאַטוילישער קירכע, זי זעהט אין אַלע ערשיינונגען פון דער רעאַקציע אין שפּאַניען די שוואַרצע האַנד פון די גייסטליכע, זי איז שטאַרק אַנטיקלעריקאַל און דעריבּער, ערקלערט זיך, האַלט זי זיך ווייט אויך פון יודישע פּראָבּלעמען.

די פראַנצויזישע שריפטשטעלערין סוזאַן נאָרמאַנד האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק בּעזוכט מאַרגאַריטאַ נעלקען און האָט איהר איבּערגעגעבּען איהרע איינדרוקען פון דעם רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די פרויען אין די בּאַלעאַרען, אין סאַראַגאָסאַ און אפילו אין דער מאָדערנער בּאַרצעלאָנאַ. פרוי נעלקען האָט דעמאָלט ערקלערט, אַז די שפּאַנישע פאַנאַטיקער נוצען אויס דעם אָבּערגלויבּען פון די מאַסען אויף צו בּעקעמפען די רעפּובּליק, וועלכע, ווי זי האָט מורא, וועט מיד ווערען און זיך איבּערגעבּען צו די גלחים, וואָס אָנבּעלאַנגט דעם גלויבּען פון די שפּאַנישע פרויען — דענקט פרוי נעלקען — אַז עס האַנדעלט זיך דאָ איבּערהויפּט נישט פון גלויבּען, נאָר פון דעם סאַמע פּרימיטיווסטען אָבּערגלויבּען, זייער אמונה איז די זעלבּע ווי בּיי די קאַפּערען (שוואַרצע) אין טיף־אַפריקאַ.

אין דערזעלבּער צייט האָט פרוי נעלקען ערקלערט דער פראַנצויזישער שריפטשטעלערין, אַז זי איז פּאַרלויפיג צופרידען מיט דעם פּאָרטשריט וואָס עס מאַכט די בּעוועגונג צו בּעפרייען די מאַסען אין שפּאַניען פון דעם קלעריקאַלען איינפלוס. די בּרייטע פאָלקס־מאַסען ספּעציעל די פּויערים, בּעזוכען שוין נישט מעהר די קלויסטערס אין אַזאַ גרויסער צאָהל. די צאָהל טויפונגען און חתונה־צערעמאָניעס אין קלויסטערס ווערען אַלץ קלענער.

— אין מיין לאַנד, אין עסטראַמאַדורע, — האָט זי געזאָגט, — וואו דער פויער איז אַזוי לאַנג געווען פערשקלאַפט, איז דער האַס געגען די גלחים, אַזוי שטאַרק, אַז די מאַסען האָבּען מיט אַ קורצער צייט צוריק געוואָלט פערבּרענען די קלויסטערס און ערמאָרדען די גלחים. מיט גרויס מיה איז מיר געלונגען צו בּעשיצען דעם אָרטיגען גלח און צו ראַטעווען די קלויסטערס מיט זייערע קונסט־אוצרות פון פייער, נאָכדעם ווי איך האָבּ פייערליך פערשפּראָכען אַז מיר וועלען זיי שפּעטער פערוואַנדלען אין שולען און אַרבּייטער־הייזער, אָבּער די זאַך איז מיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, איך האָבּ בּעדאַרפט בּערוהיגען גאַנצע 85000 צוהיצטע מוחות וועלכע האָבּען מיר ענדליך נאָכגעגעבּען.

און די פראַנצויזישע שריפטשטעלערין, וועלכע האָט גוט בּעטראַכט די אויסדרוקספולע פיזיאָגנאָמיע פון דער דאָזיגער פרוי, איהרע אויפגעבּלאָזענע האָר, איהר מילדען בּליק און איהר אימפּאָזאַנט געוויכט, פיל מיט חן און ווילען, האָט זי זיך געפרעגט, וואָס אַזוינס בּעזיצט די דאָזיגע פרוי, וואָס קען בּעהערשען אַ צעבּוישעוועטע מאַסע פון 58 טויזענד מענשען.

פרוי נעלקען ווערט בּעהערשט פון צוויי געפיהלען: די ליבּע צו קונסט, צו וועלכער זי האָט געווידמעט איהרע יונגע יאָהרען. און איהר ליבּע צו דער מענשהייט, וואָס בּרענגט זי דערצו אַוועק צוגעבּען איהרע מיטעלע יאָהרען צו פערלייכטערען זייער ליידען דורך פרייהייט, בּרידערליכקייט און בּילדונג, און די דאָזיגע יודישע פרוי פון די בּאַלטישע געגענדען איז אַזוי געוואָרען איינע פון די בּעגריינדער פון דער מאָדערנער שפּאַנישער עמאַנציפּאַציע.

אַמעריקאַנער יודישער סטודענט אַרעסטירט אין דייטשלאַנד

אונטער דער בּעשולדיגונג פון קאָמוניזם

בּערלין, (יט"אַ). אין גרייפסוואַלד איז אַרעסטירט געוואָרען דער יודיש־אַמעריקאַנער סטודענט וואָלטער אָרלאָוו, וועלכער ווערט בּעשולדיגט אין קאָמוניסטישע טעטיגקייט פאַר וואָס עס דראָהט איצט אין דייטשלאַנד טויט־שטראָף, דער אַמעריקאַנער גענעראַל־קאָנסול אין דייטשלאַנד, ה' זשאָרזש מעסערמיטה, וועלכער האָט גלייך אינטערווענירט וועגען דעם ענין, האָט מיטגעטיילט דער י.ט.אַ., דאָס אָרלאָוו'ן וועט וואַהרשיינליך אין קורצען געלינגען צו בּעפרייען, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון אַמעריקאַנער קאָנסול, איז אָרלאָוו געבּראַכט געוואָרען פון גרייפסוואַלד קיין בּערלין, און דער אַמעריקאַנער קאָנסול ה' גייסט האָט זיך שוין געזעהען מיט'ן אַרעסטירטען אין דער תפיסה.

ה' מעסערמיטה האָט פערשפּראָכען דער דייטשער מאַכט, אַז אָרלאָוו וועט גלייך נאָכ'ן בּעפרייען פערלאָזען דייטשלאַנד.

אָרלאָוו ווערט בּעשולדיגט אין קאָמוניזם, הגם עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, דאָס ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די בּעשולדיגונג געגען איהם זאָל זיך שטיצען אויף די ערקלערונגען פון אַן אַרעסטירטען קאָמוניסט.

Dr. med.

L. Berman

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07

ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט־ און געשלעכטס־קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע־בּעהאַנדלונג און סעקסועלע בּעראַטונג.

אַלע אַרט אַנאַליזען.

נעמט אָן פון 8—11 און 4—8 אָוו. זונטאָג פון 9—1 בּייטאָג

פאַר אונבּעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען.

ס'האָט געהאָלפען

(סקיצע)

פון נ. נ. איסערלין.

עטליכע אורזאַכען האָבּען געבּראַכט צו דעם, אַז קליינפעלד האָט בּיי זיך פעסט בּעשלאָסען פּטור צו ווערען פון זיין געהיימער געליבּטע, פּעני שטאַרק.

די ערשטע אורזאַך פון אַלע אורזאַכען איז געווען, וואָס ער האָט זיך שוין מעהר אין איהר נישט בּענויטיגט. מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט ער געמיינט, אַז ער מוז איהר האָבּען אויף אייביג, ער וועט אָהן איהר נישט קענען לעבּען. אַ נאַטור שוין אַזאַ בּיי איהם. אַלע ווייילע פערליבּט ער זיך, און בּיי יעדען מאָל פערליבּען זיך, מיינט ער, ער קען שווערען בּיי זיין לעבּען, אַז דאָס איז די ערשטע ליבּע זיינע, ער האָט פריהער קיינמאָל אויף אַן אמת נישט געליבּט. די אַלע זיינע פריהערדיגע ליבּעס זענען גאָר קיין ליבּעס נישט געווען. די נייע ליבּע זיינע איז די אמת'ע, ריכטיגע ליבּע, און וועט אָנהאַלטען אייביג. דערנאָך, אַז עס נעהמט אַוועק אַ שטיקעל צייט, „כאַפּט ער זיך", אַז ס'איז ווידער נישט די אמת'ע, ריכטיגע ליבּע. און געוועהנליך טרעפט דאָס, ווען ער דערזעהט אַן אַנדערע, אין וועלכער ער פערליבּט זיך — ווידער די אמת'ע, ריכטיגע ליבּע.

און אַזוי איז אויך געווען מיט זיין איצטיגער געליבּטער, פּעני שטאַרק.

און די הויפּט־אורזאַך איז געווען — ער האָט שוין געהאַט אַ נייע געליבּטע, וואָס ער האָט געמיינט, ער איז זיכער געווען, ער האָט געקאָנט בּיי זיין לעבּען שווערען, אַז דאָס איז זיין ערשטע, אמת'ע, ריכטיגע ליבּע. פונדעסטוועגען, ווען די צייט וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט, וואָלט ער נאָך נישט געזוכט אַזוי גיך פּטור צו ווערען פון זיין בּיז־איצטיגער געליבּטער, פּעני שטאַרק. וואָלט ער דערווייל געהאַט צוויי געליבּטע, ווי ס'האָט שוין אָפט מיט איהם געטראָפען. אָבּער נישט איצט, אין אַזאַ שווערען קריזיס, ווען יעדער גראָשען איז אָפּגעציילט און אָפּגעמאָסטען. אַ געליבּטע קאָסט געלט. און טאַקע דערפאַר, ווייל די צייט איז אַזוי שלעכט, מאָהנען די געליבּטע וואָס מעהר און מעהר.

ער האָט זיך שוין אין זיין לעבּען געשיידט מיט גענוג געליבּטע. אַמאָל איז דאָס איהם אָנגעקומען גרינגער, אַמאָל שווערער. אָבּער דעם איצטיגען מאָל, מיט פּעני שטאַרק, האָט ער געוואוסט, ווערט איהם דאָס אָנקומען גאָר שווער. זי וועט איהם פון זיך אַזוי גרינג נישט אָפּלאָזען. ער קען איהר גאַנץ גוט... ער האָט נאָר מורא פון זיין מויל אַרויסצוברענגען, זאָגען איהר, אַז ס'מוז נעמען אַ סוף צו זייער ליבּע. ער קען זיך מיט איהר מעהר נישט זעהן. ס'איז איהם גאָר גרינג זיך פאָרצושטעלען און צו זעהן, ווי אַזוי זי וועט די דאָזיגע רייד זיינע אויפנעמען... ווי גיי וועט זיך בּענעהמען... וואָס זי וועט אויף די דאָזיגע רייד זיינע ענטפערען...

ער האָט מורא...

ס'איז דאָ נאָך אַ וועג: ער וועט איהר גאָר נישט זאָגען. ער וועט אויפהערען טרעפען זיך מיט איהר; ער וועט איהר מעהר נישט זעהן, ער וועט איהר מעהר נישט טעלעפאָנירען. און ס'וועט ווערען בּיי זיי אויס... זי וועט שוין אַליין פערשטעהן...

ער האָט שוין געטאָן אַמאָל אַזוי, און ס'איז איהם גלאַט אָפּגעגאַנגען... קען ער אָבּער פּעני שטאַרק, און ער ווייס, אַז זי וועט איהם אַזוי גרינג נישט אָפּלאָזען. זי וועט איהם זוכען און זי וועט איהם געפינען... און ער ווייס נאָך נישט, וואָס זי וועט מיט איהם טאָן... וואָס פאַר אַ חתונה זי וועט איהם אָפּשפּילען...

איז איהם נישט גוט.

האַלט ער זיך דערווייל מיט זיי בּיידען, מיט פּעני שטאַרק און מיט זיין נייער... לאַנג קען ער זיך מיט זיי בּיידען האַלטען... שלעכט...

אָבּער די גרויסע נויט, דער „מוז", האָט קליינפעלד'ן אַרויסגעפיהרט אויף אַ ריכטיגען וועג. ער האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט...

זיין געליבּטע, פּעני שטאַרק, מיט איהר גאַנצער בּריהשקייט, מיט איהר האַלטען איהם אין מורא, איז גאָרנישט געווען אַזאַ גרויסע העלדין, און קליינפעלד האָט דערפון געוואוסט. זי האָט מורא געהאַט פאַר איהר מאַן... פאַר איהר פאַמיליע... זי האָט נישט אויפגעהערט ציטערען, אַז מ'וועט זיך דערוויסען פון איהר געהיימער ליבּע מיט איהם... ווינדיגען האָט זיך איהר טאַקע געוואָלט, אָבּער דאָס מוז בּלייבּען אַן אייביגער סוד... קיינער טאָר זיך, חס ושלום, דערפון קיינמאָל נישט דערוויסען...

וועט ער איהר בּייקומען, ער וועט איהר שלאָגען מיט דער דאָזיגער שוואַכקייט איהרער, מיט איהר שרעק און מורא...

אין אַ געוויסען טאָג האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבּען אַזאַ בּריף:

צו פרוי פּעני שטאַרק!

איר זאָלט וויסען, אַז מיר ווייסען, אַז איהר נאַרט אָפּ אייער מאַן מיט אַ פרעמדען געליבּטען. פע! מיר וואָלטען אויף אייך נישט געגלויבּט, אַז איהר זייט אַזאַ פאַלשע פרוי. ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ מאַמע פון צוויי קינדער! אָבּער מיר זאָגען אייך, אַז מיר ווייסען פון אַלצדינג. מיר ווייסען ווען ער קומט צו אייך אין הויז. ער איז געווען בּיי אייך נעכטען עלף אַ זייגער, און איהר האָט געהאַלטען די גאַנצע צייט פערשלאָסען די טיר. מאָנטאָג בּיינאַכט האָט איהר זיך מיט איהם געטראָפען אין טעאַטער. מיר האָבּען אייך אָפּגעהיט ווען איהר זייט מיט איהם אַרויס פון דאָרטען און אַריינגעגאַנגען מיט איהם אין אַרויס. מיר ווייסען פון אייך אַלצדינג. איהר מעגט זיך גוט שעמען. מיר שרייבּען אייך, אַז מיר וועלען נאָך דערווייל נישט אויסזאָגען אייער מאַן, אַז איהר נאַרט איהם אָפּ מיט אַ פרעמדען מאַן. פאַר אייך אַליין אַרט אונז נישט. איהר האָט זיך גוט פערדינט מיר זאָלען אויסזאָגען. אַז אַ מאַמע פון קינדער קען שפּילען ליבּעס מיט פרעמדע מענער, איז זי ווערט מ'זאָל איהר צורייסען אויף שטיקער. מעהר נישט, מיר האָבּען רחמנות אויף אייערע צוויי קליינע קינדער, דערום וועלען מיר שווייגען און קיין זאַך נישט אויסזאָגען. מיר וועלען אייך ווייטער אָפּהיטען און זעהן וואָס איהר טוט. אויבּ איהר וועט נאָך אַלץ שפּילען די ליבּע מיט דעם פרעמדען מאַן, וועלען מיר אויף קיין זאַך נישט קוקען און ערצעהלען אייער מאַן. שרייבּען מיר אייך אַז איהר זאָלט דאָס וויסען פריהער. וואַרפט אַוועק אייער געליבּטען, וועלען מיר שווייגען און קיינער וועט נישט וויסען. ער טאָר מעהר נישט קומען צו אייך אין הויז ווען אייער מאַן איז נישטאָ אין דער היים, און איהר זאָלט איהם מעהר קיינמאָל נישט טרעפען אין טעאַטער. איהר האָט אַזאַ פיינעם מאַן מיט אַזעלכע צוויי טייערע קינדערלעך, דאַרפט איהר זיך גוט שעמען. איהר ווילט אומגליקליך מאַכען אייער מאַן מיט די קינדערלעך. פאַר אייך אַליין אַרט אונז נישט, איהר זייט בּעסער נישט ווערט. זאָלט איהר גוט געדענקען וואָס מיר שרייבּען אייך דאָ אין דעם בּריף. מעהר קיין בּריף וועלען מיר אייך נישט שרייבּען. אַז איהר וועט אונז נישט פאָלגען און וועט נישט ווערען צוריק אַ פיינע פרוי, וועט זיך גלייך אייער מאַן דערוויסען פון אייער ליבּע וואָס איהר שפּילט. זאָלט איהר דאָס געדענקען!

פון אונז,

די וואָס שרייבּען אייך דעם בּריף.

מיט'ן אָנגעשריבּענעם בּריף אין קעשענע איז קליינפעלד אַוועק צו זיין געליבּטער'ס הויז, אַרומגעדרעהט זיך אַ ווייילע, דערנאָך אַריינגעטאָן דעם בּריף אין איהר בּריף־קעסטעל, אָנגעקלונגען אין איהר גלעקעל און האַסטיג אַוועק פון הויז.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער איהר גערופען דורכ'ן טעלעפאָן אויסצוגעפינען, וואָס עס הערט זיך עפּעס גוטעס נייעס.

ס'איז געווען גוטע נייעס.

זי איז געווען שטאַרק דערשראָקען, געזאָגט איהם, אַז זי קען מיט איהם פיל נישט רעדען... זי האָט מורא... און זי האָט איהם אָנגעזאָגט די „טרויעריגע" בּשורה, אַז זי טאָר זיך מיט איהם מעהר נישט זעהן... מ'געהט איהר נאָך, מ'היט איהר... צו איהר אין הויז טאָר ער קיינמאָל נישט אַרויפקומען. זי קען נאָך אומגליקליך ווערען... איהר מאַן וועט זיך נאָך דערוויסען.

ער איז כלומר'שט געווען דערשראָקען... געבּעטען זיך בּיי איהר... ווי וועט ער אָהן איהר קענען לעבּען?.. זי טאָר נישט זיין אַזוי שלעכט צו איהם... ס'איז גאָרנישט, זי דאַרף קיין מורא נישט האָבּען... ער האָט געוואָלט וויסען איינצעלהייטען... זי האָט זיך אָבּער געהאַלטען פעסט בּיי איהר בּעשלוס. ניין און ניין, נישט מעהר, קיינמאָל נישט... זי טאָר נישט... ער זאָל איהר לאָזען צורוה... אויבּ ער איז איהר אַן אמת'ער פריינד, זאָל ער איהר מעהר נישט רופען דורכ'ן טעלעפאָן. אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט געווען...

זיין בּעטען זיך בּיי איהר האָט איהם נישט געהאָלפען... און ער האָט זיך עהרליך אונטערגעגעבּען, געמוזט נאָכקומען איהר פערלאַנג.

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואך!

די צייט פון נסיון!

צי איז אין אלעם שולדיג דער קריזיס?

עס איז שוין ביי אונז געווארען א שלעכטע געוואוינהייט מיסערפאלגען צו פערעכענען אויפ׳ן חשבון פונ׳ם קריזיס. ווערט הרוב אן א־גאניזאציע אדער ברעכט זיך אונטער, א מענש פערלירט, יועדער זיין ארבייט אדער עס פערקלענערט זיך איהם קאטאסטראפאל זיין הכנסה — איז אלעם איז שולדיג דער קריזיס, בא, אפילו אויף דעם מאראלישען געביט — ווערט וועמענס געוויסען פערשמירט ווי א שטשערקע, צי אימיצער הויבט זיך אן צו וואר־פען ווי א ווילדע חיה אויף מענשען — אויך אין דעם איז שולדיג דער קריזיס.

אמת טאקע, עס הערשט א קריזיס, עס וואלט געווען א קינדערישקייט צי בלינדקייט דאס אפצו־לייקענען, נישט נאר וואס ער הערשט, נאר ער ברעכט ווי א שטורעם ביימער, טיילמאל זאגאר נישט אונטערגעפוילטע ביימער, די קאאפעראטיוען, וואס זענען אויך אונטערגעהמונגען, ליידען אויך פון דעם שטורם צוגלייך מיט אנדערע ארגאניזאציעס פונ׳ם ווירטשאפטליכען לעבען. טייל פון זיי זע־ען געפאלען, אנדערע — וויבאלד דער קריזיס וועט זיך איינהאלטען — וועלען פאלען אין דער צוקונפט, שוין דאס אליין, וואס דער קריזיס פערקלענע־ט די איינקונפטען, און שוין צוליב דעם אליין, די פער־מעגליכקייט פון פיל קאאפעראטיוען־מיטגלידער, שאפט א שווערע לאגע וויבאלד נישט א סכנה־פולע לאגע.

א געפעהרליכע לאגע בעווייזט אבער נישט א האפנונגסלאזע לאגע, און ליידער אין א גאנצע רייה ארויסטריטען פון פערשידענע קאאפעראטארען, לאזען זיך הערען טענה׳ער פון אזא פעסימיזם, פון אזא פערפאלגונג פון אלץ און אלעמען, גלייך ווי די איינציגע און פערהעלטניסמעסיג אמווייניגסטען וועה טאג־פערשאפענדע רפואה וואלט געווען צו דער־טרינקען זיך אין דעם נאהענטסטען וואסער־שטראם. עס איז דא אין דעם עפעס א בעזונדער פאטאא־ליזם. עס דוכט זיך, אז געהט אויף אונז מיט א נישט געהאמעוועטען אימפעט עפעס א שרעקליכע כוואליע, מיט וועלכער קעמפען וואלט געווען א שגעון און לכל היותר קען מען איבערהאלטען דאס שלעכטס קלאמערענדיג זיך אין די ביימער, דער־ווייל אבער איז דער קריזיס א כוואליע וואס מען קען איהר נישט איבערהאלטען, נאר וועלכע מען קען און מען דארף דורכברעכען — מיט פערשטאנד, מיט גלויבען אין זיך און אין דער אייגענער ארבייט.

לאמיר צום ערשטען א קוק געבען אויף דעם, וואס טוט זיך אצ אויף דער וועלט, אין א גאנצע רייה לענדער — א כלל נישט קליינער רייהע — זענען די אומזאצען פון די פערבאנד־קאאפעראטי־ווען געפאלען אין יאהר 1931 ווענ־גער ווי די פריי־זען. אדער זאגענדיג מיט אנדערע ווערטער, זיי זענען געשטיגען אין כמות, אין דריי לענדער — פראנקרייך, שווייץ און שוועדען — זענען זיי אב־סאלוט געשטיגען, ד.ה. זיי זענען נישט בלויז אין כמות געשטיגען, נאר אויך אין איכות, א שווערע קאטאסטראפע ענטפלעקט זיך בלויז דראט, וואו די ארבייטסלאזיגקייט, וואס פערניכטעט די איינ־קויפס־קראפט פון די מיטגלידער, איז דע־גאנגען צו אנ׳אויסערגעוועהנליכען פערנעהם, טראץ אלעם שטע־הען אונטער א געפאהר צו פאלען בלויז די קאאפע־ראטיווען אין היטלעריסטישען דייטשלאנד, וואו באנ דעם פון פאליטישע יוגען אונטער דעם הויכען פרא־טעקטאראט פון דער אדמיניסטראציע שלאגען מיט שטעקענס די מיטארבייטער און די קויפער און מא־כען חרוב די סחורות, און די רעגירונג זאגט אז די נארמאלע מאטעריעלע הילף די קאנסום־קאאפעראט־טיווען, וועלכע זענען בעלאגערט דורך די בעלי־חובות, אבער מיט׳ן שטעקען און מיט׳ן קויל קען מען טויטען אפילו די געזונדסטע בעשעפעניש, וואס וואלט געקענט לעבען און פולען געזונט נאך לאנגע יאהרען.

יא, אבער אין פוילען איז נאך ערגער, זאגען די פעסימיסטען. אבער קודם־כל דארף מען אויך דא אונטערשיידען, עס זענען דא קאאפעראטיווען, וואס עס געהט זיי שלעכט, וואס פאלען, און עס זענען דא אנדערע, וואס געהען מיט׳ן גאנצען אימפעט פארוועדטס, איך מיין נישט וועמען עס איז צו מאכען אויסצייכענונגען און דערפאר האלט איך זיך אפ פון מוויסרעכענען קאנקרעטע ביישפילען. אבער ווי דאס צייגט איבער באזוא־סאנטש געפינען זיך אין פוילען נאך קאאפעראטיווען אין וועלכע דאס לע־בען פולסירט מיט קראפט און אימפעט, אוועלכע ער־טער איז דא מעהר און דאס אין די פרייר פאר׳ן אויצטיגען מאמענט און די האפנונג פאר דער צו־קונפט, זיי דינען אלס בעווייז, אז אביעקטיווע סי־בות פאר דער ירידה פון דער קאאפעראטיווער בע־וועגונג זענען אין פוילען נישטא.

דארט וואו עס איז שלעכט — דאס איז אין כלל גענומען דער בילאנס פון די טעותים, וואס זע־נען בעגאנגען געווארען אין די פריהערדיגע יאה־רען, אין די יאהרען פון גוטער קאניוקטור, אין איין ארט האט מען נישט פארזיכטיג און נישט פער־אנטווארטליך, ערטיילט קרעדיטען, אין אנדערע ערטער ווייטער האט מען געווירטשאפטעט כמעט אויסשליס־ליך מיט פרעמדע געלדער. נאך אין אנ׳אנדער ארט האבען די קאאפעראטיוו־ארגאנען זיך אויסגעצייכנט מיט פערשלאפענקייט און די אנגעשטעלטע, וועלכע האבען אויף זיך נישט געפיהלט די האנד פון דער ליטונג, האבען נישט ערפילט זייערע אויפ־גאבען מיט אזא איבערגעגעבענהייט פאר דער זאך, ווי מען האט דאס פון זיי געקענט פערלאנגען. עס קען זיין אז דא און דארט איז צווישען די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג פערלאשען געווא־רען דאס פייער פון דער קאאפעראטיווער אידעע גופא. עס איז מטושטש געווארען דאס פערשטענד־ניש פאר די אויפגאבען, וואס בעלאסטען די קאא־פעראטיווען־מיטגלידער. כל זמן די אויסערליכע בעדינגונגען זענען מעהר אדער ווייניגער געווען גינ־סטיגע, איז דאס אלץ ווי עס איז געגאנגען און מען האט נישט בעמערקט אז דער קאאפעראטיוו איז שוין אנגעשטעקט מיט א שווערע אינערליכע קראנקהייט. איצט איז געקומען די צייט פון נסיון, די פערגאנגענ־הייט איז זיך נוקם, די געמאכטע טעותים הענגען ווי שטיינער, וואס זענען אנגעהאנגען ביים האלז, ציהען צום תהום און אז דערפאר זענען מיר אזוי אפט עדות צו וועניג רוהמפולע לוויות, אבער צוגלייך דערמיט, אפילו אין ערשטער פון שוין כמעט פערשפילטע שלאכטען, וויפיל שטארקענדע מאמענטען געפינען זיך! פיל קאאפעראטיווען און שווערען אבער בעוואוסטזיניגען פיין דיהרען זיך אפשר נישט אזוי שנעל, ווי מיר וואלטען דאס וועלען, אבער זיי פערקלענערען זיך אינ׳ם מאמענט פון דער אלגעמיינער פעראמטקייט פון דער בעפעל־קערונג, און פיל ערטער אויפ׳ן שטויב פון דעם גע־פאלענעם קאאפעראטיוו ריהרט זיך אין דעם מאמענט א נייער קאאפעראטיוו, וואס עס בעווייזט, אז נישט דער גאנצער צוטרוי און גלויבענס־קאפיטאל און קאאפעראציע איז פערלוירען געגאנגען.

מען טאר נישט שלאפען, ווייל איבערשלאפען סכנות קען מען נישט, מען דארף נישט אראפלא־זען די הענט, אויף וועלכע עס ווארט פיל ארבייט, מען קען נישט אויפהערען זיך צו פערבעסערען, ווייל עס איז נישטא קיין גרענעצען דערפאר, אבער פאר אונז געפינט זיך נישט קיין זכר און מיר זענען נישט פערהארטיילט אויף טויט. מיר לעבען איבער א צייט פון שווער׳ען נסיון.

סטאניסלאוו טהאנזש.

וויכטיגע אויפקלערונגען פאר קליינהענדלער און האנדווערקער

פעראיינפאכטע בוכהאלטעריע און הכנסה־שטייער.—סחורה אויף פערלעגענע שטייער־חובות.—טאקסובקעס דארפען נישט האנדעלס־פאטענטען.—וואס ווערט מיט דער האנדווערקער־קארטע נאכ׳ן טויט פון די האנדווערקער

אויף די וועכענטליכע שמועסען אין צענטראלען קליינהענדלער־פעראיין, פאמארסקא 15, זענען צווישען פיל אנדערע, אויך אויפגעקלערט געווארען פאלגענדע פראגען:

פעראיינפאכטע בוכהאלטעריע און הכנסה־שטייער

די לאדזער האנדעלס־קאמער האט אינטער־ווענירט ביים פינאנץ־מיניסטעריום, אז די פער־איינפאכטע ביכער זאלען אויך קענען דינען אלס מאטעריאל ביים אויסמעסטען דעם הכנסה־שטייער. דאס מיניסטעריום האט אויפגעקלערט דאס אזוי גוט ווי אלע אנדערע ביכער, קען אויך די פעראיינפאכטע ביכער דינען אלס יסוד ביים אויסמעסטען דעם הכנסה־שטייער.

סחורה אלס דעקונג פון שטייער־חוב

דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט ארויסגעגע־בען א אינסטרוקציע בנוגע אננעהמען סחורות אויף צו דעקען א שטייער־חוב. שפייז־ארטיקלען, אוראר־פראדוקטען, הייץ מאטעריאל, מאנופאקטור א. א., וועלען אנגענומען ווערען אויף פערלעגענע מלוכה׳שע שטייערן: גרונט, הכנסה, פערמעגענס, ירושה און פון [illegible] אלס פערלעגענע שטייערן ווערען אנערקענט די [illegible] זענען ענט־שטאנען פאר׳ן 1־טען אקטאבער 1931.

אין די פאוויאטען: ווארשאווער, וולאצלאוו־קער, פלאנסקער, מינסק־מאזאוויעצקער, פולטוסקער, בזשעזשינער, לאדזער, לאסקער, קאלישער, זאוויערטשער, טשענסטאכאווער, אפאטאווער, פולאווסקער, לוואווסקער, דראהאביטשער, לובלינער, קראקאווער, בענדזינער און פאמאזשער קענען אנגענומען ווערען אין נאטור פאר פערלעגענע שטייערן, וועלכע זענען ענטשטאנען ביז׳ן 31־טען דעצעמבער 1932.

אלע ארטיקלען וועלען אנגענומען ווערען אין מצב, וואס איינינגט זיך צום בענוצען און אין א סכום, וואס קען נישט בעטרעפען ווייניגער ווי 10 ג.

שטייער־צאהלער, וואס ווילען אויסנוצען די אינסטרוקציע דארפען בעלייגען צו דער מאכט א דעקלאראציע, עווענטועל מיט מוסטערען, וועגען צאהל, קוואליטעט, ארט און טערמין פון דער ליפערונג.

צום אפנעהמען אלע ארטיקלען א חוץ קוילען, זענען בעפולמעכטיגט, פאוויאטאווע אדער שטעטישע קאמיסיעס, וועלכע וועלען פיהרען זייער טעטיגקייט אין פערשטענדיגונג מיט׳ן לאקאלען קאמיטעט פון ארבייטס־פאנד.

אין די קאמיסיעס געהען אריין: דער לייטער פון דער פאוויאטאווער אדמיניסטראטיווער מאכט אלס פארזיצענדער, פארשטעהער פון שטייער־אמט, מאגיסטראט און 2 פארשטעהער פון סוחרישע אדער אינדוסטריעל־ארגאניזאציעס.

צו דער קאמפעטענץ פון דער קאמיסיע גע־הערט:

1) ארויסזאגען זיך צי די ארטיקלען קענען ווערען אנגענומען.

2) פעסטשטעלען דאס ארט און טערמין פון אפנעמען די ארטיקלען.

3) ארויסשיקען דעלעגאטען אפצונעהמען די ארטיקלען.

4) פעסטשטעלען די פרייזען.

די קאמיסיעס שטעלען פעסט די פרייזען נאכן אויסהערען די מיינונג פון פאכמענער פון ענטשפרע־כענדע ארגאניזאציעס.

די קוואליטעט דארף זיין אין הסכם מיט דער קוואליטעט אנגעגעבען אין דער דעקלאראציע אדער איבערגעשיקטען פראבע־מוסטער.

וועגען דער דעציזיע טיילט מיט דער ליי־טער פון דער פאוויאטאווער מאכט, דעם שטייער־אמט און דעם צאהלער אין פערלויף פון 10 טעג פון טאג פון דערהאלטען די דעקלאראציע. דער שטייער־אמט דארף באלד צוריקהאלטען די עקזע־קוציע־שריט בנוגע דער הויך פון דער סומע, וועל־כע איז אנגעגעבען געווארען אין דער דעקלאראציע.

טאקסובקעס צאהלען ארבייטס־פאטענטע

דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א צירקולאר ל.ד.פ. 15547/4/33, לויט וועלכען א טאקסובקע דארף צאהלען אומזאץ־שטייער אזוי גוט ווי אלע אנדערע ארט דראזשקעס.

די אויטא־אונטערנעהמונגען דארפען בעזיצען ארבייטס־פאטענטען נישט האנדעלס־פאטענטען.

די אלע אויף וועלכע ס׳איז ארויסגעלייגט געווארען שטראפען פאר נישט בעזיצען האנדעלס־פאטענטען דארפען פון די שטראפען בעפרייט ווערען.

אלע אריינגעטראגענע רעקורסען דארפען, — נישט אפהענגיג פון דעם פאטענט—ערלעדיגט ווע־רען אין דעם זין, אז דער וואס בעזיצט א געהילף פון דער פאמיליע דארף פאר׳ן יאהר 1932 בע־פרייט זיין פון צאהלען אומזאץ־שטייער.

דאס אלעס איז בנוגע אויטאס פאר 6 פער־זאן. פאר אויטאס פון מעהר פערזאנען בלייבען ווי־טער אין קראפט די ביזאיצטיגע פארשריפטען.

נאכן טויט פון א האנדווערקער איז די האנדווערקער־קארטע ווייטער גילטיג

אויפ׳ן סמך פון מיניסטעריאלען צירקולאר ל. ד. פ. 25868/4/33 אויב א ווערקשטעל נאכ׳ן טויט פון אייגענטימער ווערט געפיהרט אויפן רעכ־נונג פון דער אלמנה אדער מינדעריעהריגע יתומים אויפ׳ן סמך פון דער האנדווערקער־קארטע פון גע־שטארבענעם, ווערט דאס טראקטירט גלייך מיט אלע האנדווערקער־ווארשטאטען, וואס בעזיצען האנדווערקער־קארטען.

יודישע לאנדווירטשאפטליכע געזעלשאפט אין פוילען

אין מאי 1932 איז געגרינדעט געווארען אין לעמבערג די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע פון די יודישע לאנדווירטען אין פוילען א. נ. „יודישע לאנדווירטשאפטליכע געזעלשאפט", וועל־כע האט ביז אהער בעגרענצט איהר טעטיגקייט אויפ׳ן שטח פון מזרח־גאליציען.

וואס זענען די צילען און אויפגאבען פון דער ארגאניזאציע?

דער הויפטציל פון דער אויבענדערמאנטער געזעלשאפט איז דורך דער געמיינזאמער מיטאר־בייט פון אלע מיטגלידער צו הייבען דעם עקא־נאמישען און קולטורעלען צושטאנד פון דעם יודי־שען לאנדווירטשאפטליכען ישוב אין פוילען.

איבערגייענדיג צום ארומריידען די בע־זונדערע אויפגאבען פון דער געזעלשאפט מוזען מיר אונטערשטרייכען, אז די לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג אין פוילען צאהלט א גאנצע רייה ספעציעלע שטייערן (גרונט־שטייער וכדומה), וועל־כע די מלוכה קעהרט אום טיילווייז די צאהלער אין דער פארם פון פערשידענע סובסידיעס אויף דער לאנדווירטשאפטליכער בילדונג, קרעדיטען וכדומה.

די יודישע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקע־רונג, צאהלענדיג צוגלייך מיט דער אלגעמיינער די אויבענדערמאנטע שטייערן, געניסט אבער נישט פון די דאזיגע מלוכה־דאטאציעס. די סיבה פון דער דאזיגער ערשיינונג איז אין א גרויסער מאס דאס פעהלען פון געהעריגער ארגאניזאציע פון די יודישע לאנדווירטען, נאך מעהר, וואס דער דארף בכלל האט זיינע אייגענע מעכטיגע ארגאניזאציעס, וועלכע פערטיידיגען ווי געהעריג זיינע אינטע־רעסען.

די זשמ״ר איז געגרינדעט געווארען אין א צייט ווען אין גאנץ פוילען ווערען ארגאניזירט די ארגאנען פון דער לאנדווירטשאפטליכער זעלבסט־פערוואלטונג — די לאנדווירטשאפטליכע קאמערען. די יודישע לאנדווירטען וועלען איצט זיין רעפרע־זענטירט דורך דער אייגענער ארגאניזאציע, וועלכע וועט ווי געהעריג פערטיידיגען זייערע פראפעסיא־נעלע אינטערעסען, פאדערענדיג די דערפילונג פון זייערע גערעכטע פאסטולאטען.

מען דארף בעמערקען, אז אין דער צייט, ווען די יודישע עפענטליכע מיינונג אינטערעסירט זיך מיט דער יודישער לאנדווירטשאפט אין אנדע־רע לענדער, ווי פאלעסטינע, ראטענפערבאנד, אר־גענטינע א. א. וו. — פערגעסט זי אינגאנצען וועגען דער עקזיסטענץ פון די יודישע לאנדווירטען אין פוילען. טיילווייז איז דאס אבער די שולד פון די לאנדווירטען גופא, וועלכע האבען ביז־אהער נישט אינפארמירט די געזעלשאפט וועגען זייערע פריידען און ליידען.

דער יודישער לאנדווירט געפינט זיך אין א שווערער עקאנאמישער לאגע. נישט זייענדיג ווי געהעריג ארגאניזירט, נישט זייענדיג בעקאנט מיט די דערגרייכונגען פון דער אגריקולטור, קען ער נישט ווי געהעריג פיהרען זיין ווירטשאפט.

כדי צו געבען דער יודישער געזעלשאפט די מעגליכקייט נעהנטער מיטצוארבייטען מיט דער יודישער לאנדווירטשאפטליכער געזעלשאט — זעהט פאראויס דער סטאטוט, אז פערשידענע אינסטי־טוציעס, סיי געזעלשאפטליכע און סיי פריוואטע ווי אויך בעזונדערע פערזאנען קענען געהערען צו דער צענטראלע פון דער געזעלשאפט.

דער אלגעמיינער ראט פון דער יודישער לאנדווירטשאפט־געזעלשאפט, וואס האט געהאט א זיצונג אין לעמבערג דעם 5 טען יוני ד״י האט צווישען אנדערען בעשלאסען: „דער אלגעמיינער ראט לייגט פאר דער הויפט־פערוואלטונג, אז זי זאל וואס שנעלער אנקניפען א קאנטאקט מיט די יודישע לאנדווירטען אין די איבעריגע טיילען פון לאנד, כדי צו שאפען אנ׳איינהייטליכע ארגא־ניזאציע פון די יודישע לאנדווירטען אין דער מלוכה"...

נעמענדיג דאס אין אכט, האט א גרופע פעראינטערעסירטע פערזאנען אין פערשטענדיגונג מיט דער צענטראלע פון זשט״ר אין לעמבערג און ייק״א אין ווארשא, בעשלאסען צו גרינדען אין ווילנא א דעלעגאטור פון דער יודישער לאנד־ווירטשאפטליכער געזעלשאפט, וועלכע וועט שטרע־בען אויפצוהויבען דעם עקאנאמישען און קולטו־רעלען מצב פון דעם יודישען קאלאניסט אין צפון־מזרח׳דיגען קאנט, נעמענדיג אין אכט זיינע ספע־ציפישע רעגיאנעלע בעדערפענישען.

אין דער ערשטער רייה וועט די יודישע לאנדווירטשאפטליכע געזעלשאפט זעהען צו שטי־צען ווי ווייט די בעדינגונגען וועלען לאזען, די שוין עקזיסטירענדיגע ישובים. ווי זי וועט אויך שטיצען יעדען פרוב צו פערשפרייטען לאנדווירט־שאפט צווישען יודען.

אינזש. אגר. ש. שאליט.

עקספארט פון טעקסטיל־סחורות און דער צוריקגעצאהלטער צאל

(אג) די פראגע פון צוריקצאהלען דעם צאל פון דעם עקספארט פון טעקסטיל סחורות איז איצט אינגאנצען נישט אויפגעקלערט. די לעצטע פעראר־דענונג וועגען דער דאזיגער פראגע איז פערעפענט ליכט געווארען אין מאניטאר פאלסקי. לויט דער דאזיגער פעראָרדנונג ווערט נעקינדיגט דאס צוריק צאהלען דעם צאל אויף 3 חדשים, ד. ה. ביז 31 אקטאבער 1933.

אין די היגע עקספארט קרייזען הערשט צו־ליב דעם א פולשטענדיגע דעזאריענטאציע, ווייל עס זענען נישט בעקאנט די ווייטערדיגע פלענער פון די מאסגעבענדע פאקטארען בנוגע דער דא־זיגער פראגע.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג 8 מז מנחם אב תרצ"ג

אויגוסט

זון-אויפגאנג 4.5
זון-אונטערגאנג 7.17

האנדווערקער-דעלעגאציע קיין סאוויעט-רוסלאנד

וועגן עקספארט פון האנדווערקער=פראדוקציע

לאדז וועט זיין פארטרעטען דורך 4 דעלעגאטען

לויט דער איניציאטיוו פון דער לאדזער האנדווערקער=קאמער, האט דער ראט פון די האנדווערקער=קאמער בעשלאסען איינצואָרדנען אנ'אויס-פלוג קיין סאוויעט-רוסלאנד פון דעלעגאטען פון אלע האנדווערקער=קאמערן.

די דעלעגאציע דארף זיך בעמיהען אנצוקני-פען פארבינדונגען אין רוסלאנד וועגן עקספארט פון פוילען פון פערשידענע האנדווערקער-אויסאר=בייטונגען.

דער אויספלוג ווערט שוין ארגאניזירט און דעם 11 אויגוסט קומט פאר א קאנפערענץ אין ווארשא וועגן קאארדינירען די דעלעגאציע, וועל-כע ג פאהרט אונטער דער אנפיהרונג פון ראט פון די האנדווערקער=קאמערן, צו דער פארבערייטונגס=קאנפערענץ פאהרט ארויס קיין ווארשא ה' ד"ר קאצענבויגען.

די לאדזער דעלעגאציע קיין סאוויעט-רוס-לאנד וועט בעשטעהען פון ד"ר קאצענבויגען, לע-וואנדאווסקי, היינע און ראדזאנאווער, די לאדזער דעלעגאציע נעהמט מיט גרויסע קאלעקציעס פון שיך, שניידער-אויסארבייטונגען, לעדער=אויסארביי-טונגען, היטלעך, בערעטען און אנדערע האנדווער-קער-אויסארבייטונגען.

גרויסע עקספארט-אקציע פון דעמבענע פעסלעך קיין אמעריקא

לאדזער בעדנער נעהמען אנטייל אין דער אקציע

גרויסע קאנפערענץ אין ווארשא

אין צוזאמענהאנג מיט דער אפגעשאפטער פראהיביציע אין אמעריקא און דער ענטשטעהונג פון פיל ברויערייען אין די פאראייניגטע שטאטען, איז געווארען א שטארקע נאכפראגע אויף דעמ-בינע פעסלעך (אנטאלקעס), וועלכע ווערען נאך נישט אויסגעארבייט אין אמעריקא.

דיווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אין פוי-לען האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דעם דאזי-גען ענין און איצט האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס'איז פערהאן א מעגליכקייט פון א גרויסען עקס-פארט פון דעמבענע פעסלעך קיין אמעריקא.

צו דעם צוועק איז אין דעם ראט פון דער האנדווערקער-קאמער אין ווארשא נעכטען פארגע-קומען א גרויסע קאנפערענץ פון אלע האנדווער-קער-קאמערן וועגן גרינדען א פערבאנד פון עקספארטערען פון דעמבינע פעסלעך פון פוילען קיין אמעריקא.

דער ציל פון דער קאנפערענץ איז ווייטער דאס ארגאניזירען די קליינע ווארשטאטען, דאס פערהייטליכען פון די אויס ארבייטונגען, ארגאני-זירען בשותפותדיגע טרוקען-אפטיילונגען, בשותפות-דיגער איינקויף פון קלעפקעס, קרעדיטען און ארי-גאניזירען די קאנטראל איבער דער פראדוקציע.

פון די לאדזער בעדנער האבען אויף דער נעכטיגער קאנפערענץ אנטיילגענומען דער סטארשי פון בעדנער-צעך סצנטקעוויטש, דאמבראווסקי און דער ראטמאן פון דער האנדווערקער-קאמער קא-פידלאווסקי.

זעקס ווארשעווער גנבים-רויבער

האבען נעכטען בעקומען זייער פסק-דין

(א) דעם 30 מאי ה. י. אין אווענד זענען 6 פערשויגען בעפאלען מיט מעסערס א געוויסען קאזשימיעזש סאלמיש (געווען איז עס נישט ווייט פון דער לאדזער פאבריק=באהן) איהם שרעקליך צושטאכען און צוגערויבט ביי איהם א פארטפעל מיט 1000 זלאטעס.

די אויספארשונג האט ארויסגעוויזען, אז סאלמיש צוזאמען מיט די אנפאלער האבען געהערט צו איין רויבער- און גנבים-באנדע, און אז ער, סאלמיש טאקי, איז געווען דער גאנצער "כל ולך" — ער פלעגט עס די צוגערויבטע און גע'גנב'עטע זא-כען פערקויפען, און ביים טיילען זיך מיט'ן אפ-געלייזטען געלד, בעגנב'ענען זיינע חברים אויף וואס די וועלט שטייט.

ער גופא פלעגט דאס געלד פטר'ן אין לאדז, וואו ער פלעגט פאהרען הוליען אין די נאכט-לאקאלען.

אז די חברים זיינע האבען עס געגנוי' פעסט-געשטעלט, האבען זיי בעשלאסען אין איהם זיך נוקם צו זיין, און זייער בעשלוס האבען זיי אדורכ-געפיהרט לעם דער סטאציע פון לאדזער פאבריק-באהן, וואו זיי זענען איהם נאכגעפאהרען.

נעכטען האט דאס זעקסטעל בעקומען פון געריכט — צו 4 יאהר טורמע.

זייערע נעמען זענען: וולאדיסלאוו דזשענגע-לעווסקי, סטאניסלאוו מאראוויעץ, אנטאני פרישינ-סקי, קאזשימיעזש יאגעלאנטשיק, בראניסלאוו בע-נעדיקט און יאן-איגנאצי סוסקי.

קנאפ שטייערן מאהנט מען...

גייט נאר דער מלך לוזער דער שווארצער מאהנען נייע שטייערן!

פאגאטאוויץ ראטעוועט די קעניגליכע משפחה

(2) מיט עטליכע וואכען צוריק האבען זיך אויף די פעלדער, וואס זענען בעצייכענט מיט'ן פאליצי - נומער לאגעווניצקא 47 — אפגעשטעלט ציגיינער.

אין דעם דאזיגען ציגיינער=לאגער וואוינט צווישען זיין "פאלק" דער ציגיינער=מלך לאזאר קוויעק מיט זיין משפחה אנשים, נשים וטף...

מאכט זיך א מעשה, אז צו־ערנעכטען אין אווענד קומט דער דאזיגער קעניג ירום הודו, צו-זאמען מיט זיין פעטער אויך לאזאר קוויעק, צוריק פון שטאדט, שיכור'ערהייט, און זיי, ביידע לאוארס פאלט איין ארויפצולייגען א דרינגענדען שטייער אויף זייער פאלק.

געטראכט און געמאכט...

און אוועק איבער די בוידען מאהנען דאס געלד...

דאס "פאלק" איז אבער לחלוטין נישט גע-שטימט געווען צו צאהלען דעם נייע ארויפגעלייגטען שטייער, און אנשטאט צו פאלגען זיך,—ווי א פאלק אין זיך געוועהנליך נוהג, — האט מען אנגעהויבען דעם מלך צוזאמען מיט זיין פעטער לייזער צו בע לייגען מיט אזעלכע שווערע קלעפ, אז ס'האט זיי אנגעהויבען צו שווינדלען פאר די אויגען.

דער רעשט פון דער קעניגליכער משפחה האט דערזעהן, אז מיט זייער הערשער און געפי-טער, מיט זייער קרוין פון קאפ האלט שמאל, הא-בען זיי זיך אריינגעמישט אין דעם געשלעג, און אויך בעקומען זייערס על חשבון המס...

מ'האט געשטעקעוועט איבער די קעפ, מיט וואס עס האט זיך נאר געלאזט.

דער סך הכל פון דעם איז געווען, אז מען האט געמוזט ארויסרופען פאגאטאוויץ, און עס זע-נען פערבאנדאזשירט געווארען אלע מיטגלידער פון דער קעניגליכער משפחה, ווי: דער 45 יעהריגער קעניג גופא, לאזאר קוויעק; זיין 14 יעהריגע טאכ-טער, בת מלכה—לאליא קוויעק; דער פעטער זיינער דער 50 יעהריגער ציגיינער וואיט, לאזאר קוויעק; די 35 יעהריגע מאריא קוויעק; דעם קעניגס ברו-דער, דער 46 יעהריגער פירשטליכער פרינץ, וולא-דיסלאוו קוויעק און די 36 יעהריגע מאריא קוויעק.

הכלל, דער פאגאטאוויץ=דאקטאר האט זיך ממש נעקוויקט מיט די קוויעק'ס:

ער האט געהאט א ים מיט ארבייט ביים ראַ-טעווען און באנדאזשירען.

מיט דער ערשטער "רעוואלוציע" האט זיך אבער דער ענין נישט דערלעדיגט — דאס "פאלק" האט נעפיהלט, מסתמא, אז די קעניגליכע משפחה האט געכאפט א צו קליינעם אפשנים פארן מאה-נען דעם שיכור-שטייער, האט מען זי נעכטען ווי-דער גענומען אין דער ארבייט ארייין, מען האט אויפסניי אנגעהויבען צו טרייבערן די ביינער, און דער סוף איז געווען, אז פאגאטאוויץ האט געמוזט איבערראנייס קומען, און ערטיילען הילף די אויבען-אויסגערעכענטע.

ס'איז אויך געקומען פאליציי, וועלכע האט צונויפגעשטעלט פראטאקאלען.

און זי האט ריכטיג געטון, די פאליציי, ווא-רום עס איז דאך נישט דערלאזבאר, אז אזעלכעס זאל אנהויבען צו פאסירען אין די קעניגליכע רייהען.

וואס א שטייגער, וועלען זאגען דערצו די קעניגען פון ענגלאנד, איטאליען, רומעניען אונד-זא-ווייטער ? ! !

ס'איז איהם נישט איינגעפאלען

אז ערשט שפעטער האט ער זיך געכאפט וואס די מעשה איז

(2) לכתחילה, דעם 28 מאי ה. י. אז ער האט אין דער פינסטער געכאפט די ריכטיגע פינ-סטערע קלעפ — איז דעם 24=יעהריגען וואצלאוו קאנין נישט איינגעפאלען פארוואס די קלעפ קומען איהם.

אז מען האט אבער געמאכט אנ'אויספאר-שונג, און מ'האט פערהאלטען די 2 יונגעלייט: באלעסלאוו סטעפאנקיעוויטש און מארטשין קוויע-טשיען, האט ער פערשטאנען, אז דאס האבען זיי איהם אזוי צורעכט געמאכט (אויף דער וויזנער גאס) ווייל אויך זיי האבען זיך געפיצט צו זייער א מיידעל (אויף וויזנערא 18) און נישט געהאט אזא ערפאלג ווי ער...

נעכטען האבען די צוויי שלעגערס בעקומען צו האלבע יאהר טורמע.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיעס

(א) די לאדזער שטאטישע סטאראסטווע האט פעסטגעשטעלט די טערמינען פון די צוגאב-באבאר קאמיסיעס אויפ'ן חודש אויגוסט.

דעם 16 ד. ח. וועט אויף פיעטריקאווער 165 אמטירען א צוגאב-קאמיסיע פאר פ. ק. או. לאדז-שטאט 1. עס דארפען זיך צושטעלען פא-פאבאראוצעס פון יאהרגאנג 1912 און עלטערע, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פאליציי-קאמיסאריאטען.

דעם 28 ד. ח. וועט אין דעמזעלבען לאקאל אמטירען א צוגאב-קאמיסיע פאר די, וואס וואוי-נען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 14 פאליציי-קאמיסאריאטען.

דער לאדזער וואיעוואדע — אויף אורלויב

(2) דער לאדזער וואיעוואדע, ה' אלעקסאנ-דער האוקע-נאוואק האט דעם 7 ד.ח. אנגעהויבען זיין 4-וואכעדיגען אפרוה=אורלויב.

פריוואט-שולען צאהלען לאקאל-שטייער

(2) דער לאדזער מאגיסטראט האט לעצטענס בעקומען אנ'אויפקלערונג פון פינאנץ-מיניסטעריום אז די פעראָרדנונג לויט וועלכער בילדונגס-אינס-טיטוציעס ווערען בעפרייט פון לאקאל-שטייער, איז נישט חל אויף פריוואט=שולען, ווייל דאס זענען נישט קיין בילדונגס=אינסטיטוציעס, נאר פריוואטע אויסבילדונגס=אנשטאלטען.

אין שייכות דערמיט וועט דער מאגיסטראט. אדער די פינאנץ=מאכט מאהנען לאקאל=שטייער אויך ביי די פריוואט שולען.

די אויטא'ס שטייען נישט ליידיג...

(2) אויף ראג קארלא און פעטריקאווער איז ארונטערגעפאלען אונטער אנ'אויטא די 39-יעהריגע יאנינא פאזשינאווסקא (קיאווסקא 11). זי איז שטארק צוקאליעטשעט געווארען

(א) דאס זעלבע איז געשעהן מיט דעם 12-יאהריגען שמחה מווארדאווסקי (פון זאזשעווסקא 11) אויף זשגאווסקא און דאמבראווסקא.

פאגאטאוויע האט זיי ביידען ערטיילט ערשטע הילף.

די שולדיגע שאפערן האט מען צונויפגע-שטעלט פראטאקאלען.

אמטליכעס

(א) פונם 1 אווגוסט ה. י. איז אלס רעדאק-טאר פון "דזשעניק זארזשאנדו מיאסטא לאדזשי" נאמינירט געווארען דער ה' וולאדיסלאוו יאווארסקי, פערזענליכער סעקרעטאר פונם לאדזער רעגירונגס-קאמיסאר.

בעפאר איהר פאהרט אויף ערהאלונג!

קויפט איין | קויפט איין

נייעסטע פערפומען

ערשטקלאסיגע פודערן, טואלעט-זייפען זאווי אלערלעי מאדערנסטע קאסמעטיק צו פאבריקס-פרייזען

אין דער בעקאנטער פערפומעריע

י. דרוקער

5 זאוואדזקא 5

טעל. 175-92

רעיעלע און סאלידע בעהאנדלונג!

הורט און דעטייל

הורט! | דעטייל!

אַפּטײקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

י. קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15), ס. טראַווקאָווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבלום שרודמיעסקאַ 21), מ. באַרטאַשעוויסקי (פּעטריקאָווער 195), י. קלופּמאַ (קאַנטנאַ 54), ל. טשינסקי (ראַקיטשינער 53).

אַראָפּגעפאַלען פון אַ רושטאַוואַניע

(צ) ביים בויען דאָס הויז אויף זשעראָמסקיעגאָ 100 איז דער מויערער-אַרבייטער יאַן מאַטשעגגאַ פון רודאַ-פּאַביאַניץ אַראָפּגעפאַלען פון אַ רושטאָוואַניע.

אַ שטאַרק צושעדיגטען מיט סימנים פון אַ מוח-דערשיטערונג האָט איהם פּאָגאָטאָוויע אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

דערטרונקען געוואָרען

(צ) דער 25-יעהריגער אַנטאָני פּעליגאַ (פון גדאַנסקאַ 22) האָט זיך היינטיגען זונטאָג אויסגעקליבען „אַריינצוכאַפּען" אַ ביסעל פרישע לופט אויסן דאָרף.

ביני לביני האָט ער זיך אָבער אויך געוואָלט טובל זיין אין וואַסער.

געווען איז עס אין סרעברנאַ היינטער קאָנסטאַנטין — האָט ער זיך אויסגעטון, און איז אַריין אין טייכעל.

ער האָט אָבער בעקומען אַ קראַמף און איז דערטרונקען געוואָרען.

נויט און... ליבע

ברענגען צו צוויי זעלבסטמאָרדען

(צ) אין פעלד, נעבען דעם פּאַרק פון 3 מאַי האָט זיך גע'סמ'ט די 29-יעהריגע מאַריאַ פּעניג — אָהן אַ בעשטימטען וואוין-אָרט.

די סיבה פון איהר טראַגישען שריט — שווערע נויט.

פּאָגאָטאָוויע האָט זי אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

(א) אויף פּאַנצערנאַ 43, האָט זיך גע'סמ'ט מיט עסיג-זויער די 20-יעהריגע סטאַניסלאַווא קאַטש מאַרושעווסקאַ.

די סיבה — ליבע ענטוישונג.

אויך זי האָט פּאָגאָטאָוויע, אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

אָרטאָפּעדישער אַנשטאַלט

קאָרסעטען, גאָרטעלען, אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען פאַר אַלע אַרט, לייכטע פּלאַטפוס-איינלאַגען געגען פוס-שמערצען אלס נאָך גיפּס-אָבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פּיעטריקאָווער 119, טעל. 231-81.

אנקלאַגעס פון אַרבייטער

געגען אַ באַנקראָטירטען פערברויכס-קאָאָפּעראַטיוו

(צ) דער לאָדזער פערברויכס-קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ לאָקאַל פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור" אויף ראָקיטשינער-גאַס און וואָס האָט פּראָדוצירט געבעקס און גערייכערטע פליישען, האָט לעצטענס באַנקראָטירט און האָט אָפּגעזאָגט, אָהן קינדיגונג, זיינע 60 אַרבייטער און עטליכע אַנגעשטעלטע.

ער האָט אויך נישט צוריקגעצאָהלט זיי די קויציעס, וואָס זיי האָבען אין קאָאָפּעראַטיוו אַריינגעטראָגען.

דער ענין ווערט איצט בעטראַכט אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט און וועט שפּעטער אַריבער אין געריכט.

יאַפּאַנישע קאָנקורענץ אויפ'ן ווייטען מזרח

פאַר דער פּוילישער טעקסטיל-אינדוסטריע

(אג) די היגע עקספּאָרט קרייזען בעקלאָגען זיך לעצטענס אויף דער קאָנקורענץ פון דער יאַפּאַנישער טעקסטיל אינדוסטריע אויפ'ן ווייטען מזרח. דער פּוילישער עקספּאָרט קיין כינע און אינדיען איז צוליב דער דאָזיגער קאָנקורענץ שטאַרק בעדראָהט. אַ דאַנק דעם פאַלען פון יאַפּאַנישען יען, געפינט זיך יאַפּאַן אין אַ בעזונדערס גוטע קאָנקורענץ פּאָזיציע און בעדראָהט דעם עקספּאָרט פון כמעט אַלע מלוכות אויפ'ן ווייטען מזרח. עס דאַרף נאָך בעטאָנט ווערען, אַז אין די פריהעריגע יאָהרען האָט יאַפּאַן געקויפט אין פּוילען בעדייטענדע סכומים קאַמגאַרן גאַרן, אין דעם לויפענדען יאָהר אָבער קומט דער עקספּאָרט פון פּוילען קיין יאַפּאַן אינגאַנצען נישט אין בעטראַכט.

אַזאַ סוף האָט מען,

אַז מען איז נישט אין אָרדנונג, אַז מ'האַלט זיך משה-גרויס

(א) די אויפזיכטס-מאַכט האָט געמאַכט אַ רייה פעסטשטעלונגען, אַז דאָס, וואָס דער בעקער מיקאָלאַי מיכאַלסקי (פון נאָפּיורקאָווסקיעגאָ 152) האָט אונז גרויסען ערפאָלג מיט זיינע זיסע „גריסקעס" איז עפּיס נישט גלאַט-כשר, און עס מוז עפּיס שטעקען דערין...

מען האָט אַדורכגעפיהרט עטליכע אַנאַליזען פון דעם געבעקס, און עס איז קלאָהר געוואָרען, אַז מיכאַלסקי בענוצט זיך ביים באַקען מיט סאַכאַרין.

דער ענין איז געקומען אין געריכט, און מיכאַלסקי האָט בעקומען אַן אורטייל — 100 זל. צו בעצאָהלען שטראָף.

ער איז פון דעם פּסק דין נישט געווען צופרידען און האָט אַפּעלירט —

האָט נעכטען די אַפּעלאַציע-אינסטאַנץ געפּסק'ענט, אַז... ס'איז טאַקי צו קנאַפּ: ער דאַרף בעצאָהלען 200 זלאָטעס שטראָף, און חוץ מזה, אומבעדינגט זיצען אַ חודש צייט.

— גיי, זיי אַ חכם!

עס פעהלט מענשען קאָפּ-דרעניש,

טאַ נאַ-דיר, וויטאַלד-קרוין, אַזאַ מיז געשיכטע

(א) אויף אַלץ האָט זיך וויטאַלד קאָפּערסקי (לימאַנאָווסקיעגאָ 26) געקאָנט ריכטען, אָבער, אַז צמיצער — ווי ער זאָגט, אַנ'אומבעקאַנטע — וועט איהם אונטערוואַרפען אונטער זיין טיר אַ 4-חדשים'דיג יונגעלע, און נאָך צושרייבען אויף אַ צעטעלע, אַז: „די מוטער אַנפערטרויט דאָס קינד זיין פאָטער, ווייל זי איז נישט ביכולת צו מגדל זיין דאָס עופה'לע" — אויף דעם האָט זיך דער פאַן וויטאַלד נישט געריכט.

גיי, זיי אַ חכם, ווייס: וואָס, ווער, ווי, ווען, וואו א. א. וו.

מ'קאָן דען געדענקען, אַז מ'האָט ביים היינטיגען קריזיס אַזאַ פערדרייטען קאָפּ? ...

דערווייל האָט ער וועגען דעם ענין געמאָלדען אין דער פּאָליציי, און די מוטער ווערט געזוכט.

דאָס קינד האָט מען איבערגעשיקט אין זשלאָבעק.

דעם פאָטאָגראַפיסט'ס מערדער

האַלט אין אייז דערמאָהנען וועגען זיך

(צ) כידוע איז דער מערדער פונ'ם פאָטאָגראַפיסט ווילטשעווסקי, (אויף פּשעיאַזד 46), אַדאַם מאַקאָווסקי, בשעתו פערמשפּט געוואָרען אויף אייביגע טורמע.

נאָך דער אַפּעלאַציע איז איהם די שטראָף געמינערט געוואָרען אויף 15 יאָהר.

נאָך דעם אורטייל האָט מאַקאָווסקי ווידער געהאַט אַ פּראָצעס פאַר'ן בעגנב'ענען און בערויבען אַ גאַנצע רייה קאַסטשאַלען.

דערפאַר האָט ער צובעקומען נייע 4 יאָהר טורמע.

ער האָט אָבער אַפּעלירט, און נעכטען איז אין קרייז-געריכט פאָרגעקומען זיין אַפּעלאַציע-פּראָצעס.

דאָס קרייז-געריכט, האָט אלס אַפּעלאַציע-אינסטאַנץ, בעשטעטיגט דעם ערשטען אורטייל.

ערקלערונג.

צווישען מיר און דעם יודישען אַרטיסטען-פעראיין אין פּוילען איז צוליב אַ מיספערשטענדניש, געקומען צו אַ סכסוך, וואָס איז נאָכדעם, ווי דאָס מיספערשטענדניש האָט זיך אויפגעקלערט — ליקווידירט געוואָרען.

אלס אַכטונג צום יודישען אַרטיסטען-פעראיין, שטעל איך ביי דער געלעגענהייט צו זיין דיספּאָזיציע 225 זלאָטיס, וואָס זאָלען פערווענדעט ווערען לטובת די הילפס-פּאָנרען ביים פעראיין.

שאול בערנהיים.

אויספלוגען קיין וואַרשאַ

דאָנערשטאָג אָרדענט איין די היגע אָפּטיילונג פון וואַגאָן לי אַנ'איינטאָגיגען אויספלוג קיין וואַרשאַ, אָפּפאָהר דאָנערשטאָג דעם 10-טען ה. ח. 7.28 פריה פון קאַלישער באַנהויף. צוריקפאָהר פון וואַרשאַ 7.25 אָוועגד. די רייזע אָהין און צוריק בעטרעפט 10 זל. איינשרייבונגען נעהמט אָן די ביוראָ פון וואַגאָן לי קוק.

אויספלוג קיין טשעכאַטשינעק

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דעם 15-טען ד. ח. פאַלט אויס אַ יום טוב, אָרדענט איין די היגע אָפּטיילונג פון וואַגאָן-לי אין די לויפענדע וואָך אויספלוגען קיין טשעכאָטשינעק, אָפּפאָהרען פון לאָדז וועט מען פרייטאָג אָדער שבת, צוריקפאָהרען וועט מען קענען זונטאָג ד. 13-טען, אָדער דינסטאָג ד. 15-טען די רייזע אָהין און צוריק בעטרעפט 13,10 זל. אין איין זייט 7.40. בילעטען צו בעקומען אין ביוראָ פון וואַגאָן-לי פּיעטריקאָווער 64.

מיט'ן ים קיין קאָפּענהאַגען און שטאָקהאָלם

אַ מך זענען יעצט מקנא די אַלע אוועקפאָהרענדע אויף אָפּרוה. און דאָס איינציגע אָרט, וואו מען קען זיך פאַקטיש אָפּרוהען איז דער ים.

ווי מען אינפאָרמירט וועט אין דער צייט פון 13-טען ביזן 17-טען אויגוסט פאָרקומען אַנ' אויספלוג קיין קאָפּענהאַגען, און פון 3-טען ביזן 7-טען סעפּטעמבער קיין שטאָקהאָלם.

די פּרייזען פון די פּלעצער אויפן שיף פון 100 זל.

איינשרייבונגען נעמט אָן דאָס ביוראָ פון וואַגאָן-לי-קוק.

נייע 10-זלאָטע-מטבעות

(א) איניכען וועט די מלוכה'שע מינצעריי אַרויסגעבען נייע 10-זלאָטע-מטבעות מיט די בילדער פון יאַן סאָביעסקי און טראַוגוט. דער יובל פון וועלכע עס פאַלט אויס היי-יאָהר.

עס וועט אַרויסגעלאָזט ווערען אַ מיליאָן מטבעות אויף 10 מיליאָן זלאָטעס.

ליקווידירט 14 אונטערנעמונגען

(א) לויט אַ רשימה פון אינדוסטריע-אַמט, 1 אינסטאַנץ, זענען אין לאָדז, אין משך פון חודש יולי, ליקווידירט געוואָרען 14 אונטערנעהמונגען: 9 האַנדעלס-אונטערנעהמונגען און 5 פאַבריקען.

ר. איזראַעל

דירעקטאָר אַדאָלף גאָלד

סענסאַציאָנעל-שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

16

— וואָס איז דעמאָלט געשעהען? האָט באַנעצקי געפרעגט.

— דאָס שרעקליכסטע פאַר וועלכען איך וועל איצט מוזען פעראַנטוואָרטליך זיין, איך האָב איהם דערמאָרדעט.

— האָט איהר דאָס געטון מיט אַנ'אויסגעטרעכענטען פּלאַן? האָט איהר געהאַט די מיינונג איהם צו דערמאָרדען.

— ניין, אַזאַ פּלאַן האָב איך נישט געהאַט, בשעת איך בין אויף איהם נאַקעטערהייט געלעגען און געשטיקט ביים האַלז, איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבען קיין חשבון דערפון וואָס איך טו. דאָס איז אַלץ געשעהען אָהן מיין ווילען און אַפילו אָהן מיין וויסען.

— דערצעהלט אונז ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, אָבער מיט אַלע פּרטים, כדי ס'זאָל נישט דאַרפען קומען צו נאָך מעהר אויספאָרשונגען און צו איבעריגע אומאַנגענעהמליכקייטען.

— איך וועל דערצעהלען, ווען איך האָב זיך רעזיגנירט צו קומען אַהער האָב איך זיך דעצידירט אויף אַלע קאָנסעקווענצען. אַלזאָ אין דעם קריטישען אָוונד איז ברונאַ געקומען אין האָטעל אַרום אַ זייגער עלף אָוונט, ער איז שטאַרק איבעראַשט געוואָרען ווען ער האָט מיך שוין געטראָפען אין זיין שלאָפצימער און דוקא אויסגעטוענערהייט אין זיין בעט. ער איז רויט געוואָרען פאַר כעס, פאַר רציחה האָט ער אַפילו נישט געקענט ריידען.

— וואָס איז דאָס? האָט ער ענדליך אויסגעשריגען.

— וואָס זאָל עס זיין, איך בין געקומען צו דיר, אַזוי ווי איך פלעג עס שטענדיג טון, אַזוי ווי דו האָסט מיך שטענדיג געבעטען, אַזוי ווי דו ביזט מיר שטענדיג געפאַלען צו די פיס און געשטאַמעלט אַז איך זאָל אפשר קומען צו דיר.

— אָבער דאָסמאָל האָב איך דיך נישט געבעטען און אַהער האָב איך דיך נישט איינגעלאַדען. איך וויל אַז דו זאָלסט גלייך פערלאָזען דאָס צימער און גלייך צוריקפאָהרען קיין לאָדז.

— אַזוי גאָר, בין איך שוין געוואָרען אין כעס איך זאָל גאָר פערלאָזען דאָס צימער און אַפילו די שטאָט, כדי דיר פריי צו מאַכען דעם וועג צו אַדאַן? אַזוי גאָר און דו האַלטסט אַז איך וועל דאָס טועהן שום ווידערשטאַנד? צי האָסטו געמיינט אַז איך האָב נישט געוואוסט וועגען דעם, יעדער עס וואוינט מיט דיר בשכנות איצט? אַמאָל האָסטו מיר געוויזען איהרע ליבעס-בריף און געלאַכט פון זיי, האָסט געלאַכט ווי זי וואַרפט זיך דיר אָן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אַדאַ איז געווען פון דערווייטענס, פון דיר, ווייל דו האָסט זי נישט געקענט דערגרייכען, איצט ווען אַדאַ איז גרויס און בעריהמט געוואָרען, ווען זי איז באַהענט בעבן דיר, דאַרף איך פערלאָזען די שטאָט, כדי דיר נישט צו שטערען. —

— אַזוי האָסטו געדאַרפט צו טון, ווען דו ביזט קלוג, האָט ברונאָ געענטפערט.

— נו, און מיין אַמביציע איז גאָרנישט? איך בין שוין גאָרנישט קיין מענש? דו טראַכסט אַז איך וועל אַזוי לייכט אָפּטרעטען פון שלאַכטפעלד? דו האָסט אַ גרויסען טעות. אַזוי שנעל וועט דאָס נישט געשעהען, דו דאַרפסט זיך גריטען אויף אַ שווערען קאַמף מיט מיר.

ברונאָ האָט גאָרנישט געענטפערט, ס'האָט אויס געזעהען אַזוי ווי ער וואָלט זיך בערוהיגט, און מסכים געווען אויף דעם וואָס איך האָב געזאָגט, ער האָט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד איז אַרויס פון צימער, און דערביי נישט פערגעסען צוצוגעבען:

— איך קום באַלד אַריין, אין עטליכע מינוט.

איך בין געווען שטאַרק צופרידען, איך האָב טריומפירט צוליב מיין נצחון וואָס איך האָב אָפּגעהאַלטען און געוואַרט צו זעהען ברונאָס מינע ווען ער וועט צוריק אַריינקומען אין צימער. ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און ברונאָ איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער, אַ צופרידענער, אַ פרעהליכער אַזוי ווי צווישען אונז וואָלט מיט עטליכע מינוט פריהער גאָרנישט געשעהען.

— גוט, דו האָסט אויסגעפיהרט, איך האָב מיר איבערגעלייגט אַז ס'איז ווירקליך נישט כדאי צו טוישען די געליבטע ווי די העמשקעס. נאָך דערצו ווען מען איז פערהייראַט און מ'האָט אַ באַמען פון אַנ'אָנגעזעהענעם פאַבריקאַנט.

— זעהסטו, אַז איך קום אויך צו עפּעס צו נוצען. איך האָב דיך צוריקגעבראַכט צום שכל, ווי איך זעה.

— אמת, און נאָך מעהר, איך האָב דיר עפּעס געקויפט, כדי מיר זאָלען זיך איבערבעטען.

— איך בין אויפגעשפּרונגען פון בעט. ברונאָ האָט פון דערווייטענס געהאַלטען אין האַנד אַ פּרעכטיגען דיאַמאַנטענעם האַלזבאַנד, אַזאַ שנור דיאַמאַנטען וועלכע מ'זעהט נישט אָפט. איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט און האָב געפרעגט:

— אין די דאָזיגע עטליכע מינוטען האָסטו בעוויזען צו קויפען אַזאַ מציאה.

— ניין, דאָס נישט, איך מוז דיר זאָגען דעם אמת. דעם האַלזבאַנד האָב איך געהאַט געקויפט פאַר אַדאַן. אָבער איצט האָב איך חרטה בעקומען איך וועל ליבער דיר איהם געבען.

איך האָב גענומען דעם האַלזבאַנד און דעם האַנד, דאָס איז ווירקליך געווען עפּעס אַזעלכעס וואָס מ'זעהט נישט, וואָס מען בעקומט אינגאַנצען נישט ביי אונז. איך האָב אַרומגעכאַפּט ברונאָן און איהם געקושט, אָבער פּלוצלונג...

— פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזען שפּעטער פאַר ריכטיג. וועגען דעם האַלזבאַנד האָב איך שוין געהערט דאָס איז געווען דער בעריהמטער האַלזבאַנד וואָס די אַרטיסטקע אַדאַ האָט בעקומען נאָך איהרס אַ קאָנצערט פון רומענישען קעניג און וועגען וועלכען אַלע צייטונגען האָבען געשריבען, מיר איז באַלד אַלץ קלאָר געוואָרען, ברונאָ איז אין פערלויף פון די עטליכע מינוטען געווען ביי אַדאַן אין צימער, האָט צוגענומען דעם האַלזבאַנד און גיט איהם מיר, כדי שפּעטער צו קענען מאַכען אַ בלבול אויף מיר, און מיך פּטור ווערען פון דאַנען, כדי ער זאָל בלייבען אונגעשטערט מיט אַדאַן, אַזוי אַרום וועט ער אויך קענען פערשטאַרקען דעם צוטרוי צו איהר, ווען ער וועט אָנווייזען ווער ס'איז דער גנב פון דעם טייערען האַלזבאַנד.

— איך בין געוואָרען מלא רציחה איך האָב זיך מעהר נישט געקענט בעהערשען, איך האָב מעהר נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

(פאָרזעצונג קומט).

לוסטראציע אין דער טאמאשאווער קונסט-זייד-פאבריק

(2) די לעצטע 2 טעג איז אדורכגעפיהרט געווארען א לוסטראציע אין דער טאמאשאווער קונסט-זייד-פאבריק, און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז פון דער אלגעמיינער צאהל ארבייטער 4,806 מאן, זענען אין דער פאבריק איצט נאך נישט בעשעפטיגט 238, און אז פון די 45 יידן, דעלעגאטען זענען שוין 40 צוריקגענומען געווארען צו דער ארבייט.

די דאזיגע אלע, נאך נישט בעשעפטיגטע, וועלען אין דער נאהענטסטער צייט צוריקגענומען ווערען צו דער ארבייט.

גע'גנב'עט מאלעריי-שאבלאנען

(א) אין דער וואוינונג פונ'ם שטובען-מאלער יאסעל שערקא (אל. 1 מאי 38) איז געקומען דער מאלער מיכאל קוכארסקי (אהן א בעשטימטען וואוין-ארט) און אננעבענדיג זיך אלס שערקא'ס א געזעלען האט ער ארויסגענארט מאלעריי-שאבלאנען אין דעם ווערט פון 700 זלאטעס און איז ערגיץ פערשוואונדען געווארען.

פאליציי זוכט איהם.

שפילנדיג זיך מיט א רעוואלווער

(2) דער 31-יאהריגער בירגעליסט זיגמונט באיאנאווסקי (קאנטנא 118) האט זיך נעכטען געשפילט מיט א רעוואלווער.

פלוצים האט דער רעוואלווער אויסגעשאסען און די קויל האט איהם געטראפען אין רעכטען פוס.

מ'האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף זגיעזשניקאווא.

שטורמישער ערפאלג פון מיכאל מיכאלעסקא און בעטי סימענאוו

אין „פילהארמאניע"

די פארשטעלונגען מיט מיכאל מיכאלעסקא האבען ארויס מיט גרויס דערפאלג.

היינט, דינסטאג אוונד ווערט געשפילט די שטארק אויסגענומענע שלאגער-אפערעטע „דער לעצטער טאנץ" מיט דעם גרויסען סטאר-קינסטלער מיכאל מיכאלעסקא און די בעריהמטע קאלאראטור-זינגערין בעטי סימענאוו אין די הויפטראלען.

געביסען פון א הונט

(א) אויף פילסודסקיעגא 23 האט דעם דארטיגען לאקאטאר'ס בזשיסקי'ס א הונט צוביסען דעם 10-יעהריגען לייבעלע ווארשאווסקי.

דער בעל הכלב ווערט צוגעצויגען צו פעראנטווארטליכקייט.

איינציגער רעליגיעזער האנצערט פון גרשון סיראטא אין „העלענאוו"

מארגען מיטוואך 9 אוונד טרעט אויף מיט א גראנדיעזען קאנצערט אין פארק „העלענאוו" דער קעניג פון חזנים גרשון סיראטא.

עס נעמט אויך אנטייל די טאכטער פון אויבערקאנטאר, די בעריהמטע זינגערין העלענא סיראטא, אין פראגראם: תפלות, פאלקסלידער אפערן-אריעס, סאלא-געזאנג און דועטען מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

ראדיא-פראגראם

דינסטאג, דעם 8 אויגוסט 1933

11.57 צייט-סיגנאל. 12,05 קאנצערט. 12,33 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 12,35 קאנצערט. 1,– טאג-פראגראם. 2,55 גראמאפאן. 4,– געזאנג. 4,25 גראמאפאן. 5,15 קאנצערט. 6.15 פארלעזונג. 6.35 קאנצערט. 7,20 פערשידענעס. 7,35 פראגראם אויף מארגען. 7,40 פעליעטאן. 8,– קאנצערט. 9.– קאמוניקאט פון לאדזער האנדעלס-קאמער. 9.10 קאנצערט. 10,25 ספארט. 10,35 קאמוניקאטען. 10,40 מוזיק.

* * *

אויסלאנד

8,– קעניגסוואוסטערהאוזען – קאנצערט. 8,20 אסלא – קאנצערט. 8,20 בערלין – קאנצערט. 8,40 מינכען – אפערע. 8 40 רוים – אפערע.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי – – – –	87 50
3 פראצענטיגע בוראוולאנע –	39.25
4 „ דאלארובקא –	49.50
7 „ סטאביליזאציע (אמ.)	52,75
8 „ ווארשאווער פאנד-בריף	43.50
8 „ לאדזער „ „	40.00
ענגלישער פונט – – –	29.61
דאלאר – אפיצ. 6.57, נישט אפיצ. –	6 56
גאלד-דאלאר – – – –	9.10
גאלד-רובל – – – –	4 80
דייטשער מארק – – –	2.11

נישט איינגעגעבן צו ליציטירן איז א שוד

(פון אונזער וויענער קארעספאנדענט)

ס'זאל זיך נישט טרעפען, וואס ס'קאן זיך יא טרעפען!

אז מען זאל קומען ליציטירן אין א שוהל אריין, אין א בית-הכנסת, איז ביז היינט באמת נאך נישט פארגעקומען, אין דער בעציהונג האט אונזער וו"ען געהאט אנגעלעגענהייט, אז אין דער אגודה'יסטישער „שיף-שוהל" האט מען געוואלט דורכפיהרען א ליציטאציע, נאר עס האט זיך נישט איינגעגעבן.

מיט א פאר יאהר צוריק איז אין ווין געשטארבען א רייכער סוחר, זיין צוואה האט ער געמאכט נאך לאנג פאר'ן קריג. ער האט פערשריבען א סך געלדער פאר וואוילטעטיגע פעראיינען, קלויזען וכדומה. אינצווישען איז ער אבער געווארען אנגאלמן, א פאר יאהר שפעטער האט ער צום צווייטען מאל חתונה געהאט, זיין צוואה האט ער אבער נישט געענדערט, ס'איז געבליבען אזוי ווי ער האט עס פאר'ן קריג אנגעשריבען.

הילות ווי דער סוחר איז געשטארבען, האט זיך זיין צווייטע פרוי שטרענג געהאלטען אין דער צוואה און האט אויסגעצאהלט די ירושה לויט'ן פערלאנג פונ'ם נפטר. אזוי האט זי געגעבען א פעראיין במקום פון פינף טויזנד פריהערדיגע קראנען — היינטיגע גאנצע עסטרייכישע פופציג גראשען; א פאנד וועלכער בויט היימער אין ארץ-ישראל (מען ווייסט נישט גענוי, אבער ס'ווייזט אויס, אז עס איז דער קר [היסוד]) האט בעקומען פערשריבען צעהן טויזענד קראנען, די אלמנה האט זיך מרחם געווען און אויסגעצאהלט איינאיינציגען שילינג.

מען קען זיך פארשטעלען וואסערער רעש ס'איז ענטשטאנען ביי די קליינלעך און פעריינען. מען איז געלאפען צום געריכט, און מען האט פערקלאגט די אלמנה, זי האט אבער געשענהט, אז זי מוז זיך האלטען כמו שכתוב, גענוי אין די ווערטער פון איהר פערשטארבענעם מאן. פראצעסען אהין — פראצעסען אהער, די אדוואקאטען האבען געהאט ביי וואס זיך צו פארען, דאס געריכט האט אפגעפיהרט א פאר פערהאנדלונגען און... די אלמנה האט געוואונען אלע פראצעסען.

איצט האט עס געהייסען, אז די פארטייען וועלכע האבען פערלוירען די פראצעסען, דאס זענען די פעראיינען און די שוהלעלעך, מוזען בעצאהלען די קאסטען, הויבט זיך ווידער אן א מעשה מיט קלאגעכצער, די פרוי פון דעם סוחר האט אפגעזאגט איהר יודישען אדוואקאט און גענומען זיך א קריסטליך-סאציאלען געמיינדעראט, ווייל זי האט זיך געטראכט, אז א יוד וועט נישט גענוג שטרענג וועלען ארויסטרעטען געגען יודישע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס און געגען בתי-מדרשים.

דער קריסטליכער אדוואקאט אבער האט נישט פערשטאנען קיין חכמות, און אזוי ווי די „שיף-שוהל" האט איהם נישט בעצאהלט די קאסטען און זייער שפעטען האט ער געשטעלט א פראשלאג ביים געריכט אויף לאזען דורכפיהרען א ליציטאציע איז אבער פראגעקומען פאלגענדער פאל:

אזוי ווי דער עקזעקוציאנס-בעאמטער איז געקומען ליציטירן און האט דערזעהען אז עס האנדעלט זיך אין א קלויז האט ער דערקלערט, אז אין א „בעט-הויז" געהט ער נישט אריין דורכפיהרען קיין ליציטאציע. דער אדוואקאט האט געשריגען: געזעץ. נאר עס האט איהם אפער גאר נישט גענוצט. די גאנצע „חד גדיא" האט געמוזט אהיימגעהן.

און איצט צוברעכט זיך דער אדוואקאט זיין יוריסטישען קאפ: ווי אזוי קומט ער צום געלד?

ד. שמיד.

מעלדונגען

אנ'אויספלוג צום 18. ציוניסטישען קאנגרעס קיין פראג

די געז. „תוצרת ארץ-ישראל" ארדענט איין דעם 20. ד. ח. אנ'אויספלוג קיין פראג צום 18. ציוניסטישען קאנגרעס אויף 10 טעג. די רייזע נעמט ארום פאס, וויזעס, באהן-בילעטען הין און צוריק, פרייז 140 זל. מיט איינטריטס-קארטען צום קאנגרעס און אויך דער מכבי'אדע 160 זל. די צאהל ערטער בעגרעניצט.

איינשרייבונגען און אינפארמאציעס ערטיילט טעגליך פון 1–10 און פון 7–5 אוו. דאס ביורא פון „תוצרת ארץ ישראל" שרודמיעסקא 3. 8807

יוד. סאצ. ארב. פארטיי „פועלי-ציון" (פאר. מיט צ. ס.) פיעטריקאווער 83

דעם נאהענטסטען שבת, ד. 12. ד. ח. קומט פאר אנ'אויספלוג אויף דער זומער-קאלאניע פון פארטיי און „פרייהייט" א.נ. פון חיים ארלאזאראוו וואס געפינט זיך ביי וולאדזשימיערזש. בעדינגונגען זעהר צוגענגליכע.

איינשרייבונגען פאר חברים און סימפאטיקער יעדען אוונד אין פארטיי-סעקרעטאריאט, פיעטריקאווער 83.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל. 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזש ער 17 פון 11-1 און פון 2-3 נאכמ.

סטענקא ראזין

דער ערשטער אמת'ער רוסישער פאלקס-העלד און זיין קאמף געגען צאר און פריצים

אריינקומענדיג אין א שטאט, האט ער אין איין אטעם אויסגעטיילט מאסען פראוויאנט און קליידער צו די ארימע און הונגעריגע און געלאזט אפהאקען די קעפ פון הונדערטער אפיצערען און בעאמטע פון צאר.

האט אימיצער איהם געטאן א טובה האט ער די טובה קיינמאל נישט פערגעסען, האט ער געמעגט אפילו זיין דער גרעסטער אנהענגער פון צאר און פון די פריצים. וועה איז אבער געווען צו דעם, ווער עס איז ארויסגעטראטען געגען איהם!

ווי אלע רוסען פון זיין צייט, האט ער געקאנט שיכור'ן טאג און נאכט און זיינע ווילדע הוליאנקעס האבען געהאט א שם, פונקט ווי זיינע בלוטיגע שלאכטען און זיינע מוטיגע ארויסטרעטונגען פאר די ארימע און אונטערדריקטע.

אין פערסיע איז ער אפגעווען מיט זיין ארמיי 18 מאנאטען און איז פון דארטען צוריקגעקומען מיט צעהנדליגע שיפען אין קאראוואנען מיט די טייערסטע סחורות און די גרעסטע אנטיק-זאכען.

זיין צוריקקומען פון פערסיע איז געווען אן אמת'ער טריאומף-צוג. זיין רוהם איז געגאנגען פאר איהם. ער איז בעטראכט געווארען פאר אונבעזיגבאר.

איינע נאך די אנדערע האט ער איינגענומען די שטעט: צאריצין, אסטראכאן, סאמארא, סאראטאוו און צענדליגע אנדערע שטעט און שטעטלעך, זיינע אגיטאטארען האבען צוגעגרייט דאס פאלק אין פערשיעדענע טאטארישע און טשוואשישע געגענדען, זיינע אויפרופען האבען דערגרייכט באר ניזשני-נאווגאראד און אפילו מאסקווע.

ער האט זיך געלאזט געהען אויף סימבירסק און האט שוין געחלומ'ט וועגען זיין זיגרייכען אריינמאר'שירע' אין מאסקווע און וועגען ארעסטירען דעם צאר און די פריצים און בעפרייען דאס פאלק.

סטענקא ראזינ'ס וואונדערבארע בעציהונג צו יודען

אין סימבירסק האט ער אבער בעגעגענט א שטארקען ווידערשטאנד אין פירשט באריאטינסקי'ן מיט זיין שטארקער ארמיי. נאך א בלוטיגען שלאכט, האט סטענקא ראזין געקראגען די ערשטע גרויסע בידערלאגע.

די בידערלאגע האט ער געליטען צוליב א פערראט אין זיין אייגענעם לאגער. איינער פון זיינע הויפט-אדיוטאנטען, וואסקא אוס, האט איהם פערראטען, צוליב א ליבע מיט דער פערסישער פרינצעסין זעינעב.

דאס פאלק איז געווען מיט סטענקא ראזינ'ען, און עס איז קיין ווונדער נישט, אנקומענדיג אין אסטראכאן, האט ער געעפענט דעם רייכען באזאר און איהם אוועקגעגעבען צו די ארימעלייט פון שטאט. אין יעדער שטאט, וואו ער איז געקומען, האט ער בעפרייט די ארעסטירטע. געקארמעט די ארימע און געגעבען פרייהייט צו די לייב-אייגענע און שקלאפען.

א שטיק צייט האט עקזיסטירט די קאזאקען-רעפובליק, וועלכע ער האט געגרינדעט, און זיין גרויסער אידעאל איז געווען צו קומען אין מאסקווע און דארטען פראקלאמירען די אלרוסישע רעפובליק פון דעם ארימען און פערשקלאפטען פאלק.

בלויז א פאר מאל געפינט מען דא און דארטען בעמערקונגען וועגען סטענקא ראזינ'ס בעציהונגען צו יודען. איינמאל איז שיער פערוואונדעט געווארען זיינער אן אטאמאן, מאקעיעוו. האט ראזין געשיקט נאך א דאקטאר. האט מען צו איהם געבראכט אן עלטערען יודען.

א קאזאק, וועלכער האט אמאל אנטיילגענומען אין דער מלחמה מיט פוילען און האט פיינט געהאט די יודען, האט געזאגט צו סטענקא ראזינ'ען:

— לאז מיר אין דעם זשידאק אריינשטעכען מיין פיקע. אלע יודען זענען שווינדלער און איך בין זיכער, אז ער ווייסט גאר נישט פון דאקטאריע.

סטענקא ראזין איז אויפגעשפרונגען.

— [זשיד'ן] פערפאלג קיינעם נישט פאר זיין פאלק און פאר זיין גלויבען! — האט ער שטרענג אויסגעשריען.

און דא דארף נישט פערגעסען ווערען, אז סטענקא ראזין האט געלעבט בלויז מיט עטליכע יאהר נאך דעם צורר היהודים באגדאן כמעלניצקי, וועלכער האט מיט זיינע קאזאקען און סאלדאטען אויסגעקוילעט צעהנדליגע טויזענטער יודישע פאמיליעס אין ליטע, פוילען און אוקראינע.

דער יודישער דאקטאר איז שוין געבליבען ביי סטענקא ראזינ'ען און אין מיטגעפאהרען מיט איהם אין אלע שטעט, וועלכע ראזין מיט זיינע קאזאקען האבען איינגענומען.

ביי א צווייטער געלעגענהייט — דאס איז געווען לעבען סימבירסק — האבען א פאר קאזאקען געבראכט צו ראזינ'ען א געבונדענעם יודען.

— ער מוז זיין א שפיאן, מיר האבען איהם געפונען הינטער'ן שטאט, — האבען די קאזאקען געזאגט.

— וואס האסטו געטאן הינטער'ן שטאט? — האט איהם סטענקא ראזין שטרענג א פרעג געטאן.

— איך האב איינגעקויפט סחורה צו א פויער, — האט דער יוד געענטפערט.

— גלויב איהם נישט, ער איז א שפיאן! — האבען זיך די קאזאקען געהאלטען ביי דאס זייעריגע.

— יודען זענען נישט קיין שפיאנען! — האט סטענקא ראזין מיט זיכערקייט געענטפערט. — לאזט איהם אפ ... זאל ער געהען וואו ער דארף.

ווי מיר האבען שוין בעמערקט, האט סטענקא ראזין געהאט זיין ערשטע בידערלאגע לעבען סימבירסק. נאך דער מפלה האט באלד געפאלגט א צווייטע. דער טויט-שרעק צווישען די צארישע פיהרער און משרתים איז נאך ראזינ'ס ערשטער און צווייטער בידערלאגע אוועק, און זיי האבען מיט נאך מעהר מוט גענומען איהם אטאקירען.

דאס האט צושלאגען די מאראל פון סטענקא ראזינ'ס קאזאקען און סאלדאטען. די צארישע משרתים האבען אויך נישט געשאנעוועט קיין כאבאר, קיין אונטערקויפעריי און קיין פערשפרעכונגען צו פערגעבען אלע קאזאקען, וועלכע וועלען זיך אונטערגעבען, און ראזינ'ס שטערען האט אנגעהויבען צו זינקען.

די איינוואוינער פון די שטעט און שטעטלעך האבען אויך פערלארען דעם צוטרויען צו סטענקא ראזינ'ען און זיין אונבעזיגבארער ארמיי, הויפטזעכליך באכדעם, ווי סטענקא ראזין אליין איז פערוואונדעט געווארען.

זיי האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבען צו די צארישע [ב]עאמטע די אנפיהרער פון די בונטען און די אטאמאנען. און דער אנהויב פון ענד פון סטענקא ראזינ'ס אונבעזיגבארער ארמיי איז געקומען.

נאך דער מפלה ביי סימבירסק, האט ראזין געהאט א בידערלאגע אין סאראטאוו און סאמארא און ער איז אוועק אין צאריצין זיך אויסצוהיילען פון זיינע וואונדען.

דער פערראט געגען סטענקא ראזינ'ען און זיין גרויזאמער טויט

פון צאריצין איז סטענקא ראזין אוועק צו זיך אהיים אויפ'ן דאן. אויף איהם האבען געווארט זיין פרוי און קינדער, וועלכע האבען איהם אויפגענומען מיט אפענע ארעמס.

דער פערראט האט שוין אבער געלויערט. דער אטאמאן יאקאוולעוו האט געשלאסען א געהיימען אפמאך מיט שלוחים פון צאר אלעקסעי מיכאילאוויטש, און איינמאל אין א מיטען נאכט זענען צארישע סאלדאטען בעפאלען די כאטע, וואו סטענקא ראזינ'ס פרוי האט געוואוינט, און מען האט איהם געפאנגען און געבראכט אין קייטען קיין מאסקווע.

די שוידערליכסטע פייניגונגען איז ער אויסגעשטאנען. מיט גליהענדע אייזענס האט מען איהם געברענט די הענד און פיס. מען האט אבער פון איהם קיין איין ווארט נישט געקענט ארויסקריגען. זיינע ליפען זענען איהם געבליבען געשלאסען, און בלויז די מוסקולען אויף זיין שטארקען פנים האבען פערראטען זיינע גרויסע ווייטאגען און ליידען.

געבראכט געווארען פון דאן איז סטענקא ראזין אין מיטען פון מאנאט אפריל, 1671, און דעם 27-טען מאי האט מען איהם געפיהרט צו דעם עשאפאט אויף דעם רויטען פלאץ אין מאסקווע.

די שוידערליכסטע יסורים איז ער פריהער אויסגעשטאנען, די מערדערליכסטע פייניגונגען האט מען איבער איהם דורכגעפיהרט; אבער דאס האט איהם נישט געשטערט ארויפצוגעהען אויף דעם עשאפאט מיט א שטאלץ-אויפגעהויבענעם קאפ.

פאר די אויגען פון א ריזיגען עולם, פאר וועמען ער האט געקעמפט און געליטען, איז דער פאלקס-העלד סטענקא ראזין בוכשטעבליך געפערטעלט געווארען. מען האט איהם פריהער אפגעהאקט די הענט, דערנאך די פיס און צולעצט דעם קאפ.

אזוי איז געשטארבען דער ערשטער און דער גרעסטער רוסישער פאלקס-העלד, דער קאזאקען-אטאמאן סטענקא ראזין. ער איז פון די צארישע משרתים און פריצים גערופען געווארען גנב און רוי-בער. דערפאר האט איהם אבער דאס רוסישע פאלק בעטראכט אלס איהר גרעסטען העלד, פרייהייטס-קעמפער און מארטירער, און זיין נאמען איז פער-אייביגט געווארען אין טויזענטער מעשיות און לע-גענדעס און אין הונדערטער פאלקס-לידער.

איינע פון די שטארקסטע רוסישע פאלקס-לידער איבער סטענקא ראזינ'ען, וועלכע ווערט בע-זונגען איבער גאנץ רוסלאנד און אין ארץ-ישראל וואו בעזונדערע איינוואוינער פון רוסלאנד קומען זיך צוזאמען, גיבען מיר איבער אין א פרייער יודישער איבערזעצונג ביים אנפאנג פון דעם ארטיקעל. דאס ליד הייסט: „דער פעלז פון סטענקא ראזין".

(ס ו ף).

קלאַנג-קינא **CAPITOL**

היינט פרעזענטירען מיר דעם גרעסטען פילם פון דער וועלט, גרעסטער סוקצעס פון קעניג פון די טענאָרען

JAN KIEPURA

אין **„דאָס ליד פון דער נאַכט"**

רעזשי: Anatol Litwak

דאָס ליד ווערט געזונגען אין דער פּוילישער שפּראַך: **„Tobie śpiewam tę pieśń"**

אָנהייב 5 נאָכמ., שבת און זונטאָג 12 בייטאָג.

ווערקשטעל שירמס — פון — און שפּאַציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאָדז, נאַרוטאָוויטשאַ 19

עמפּפעהלט אין אַ רייכען אויסוואַהל פון קאַלירטע דאַמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאָנקורענץ-פּרייזען. נעהמט אָן אַלערליי רעפּאַראַטורען פון שירמס און שטעקענס.

משנה חב"ד

מאת חיים יצחק בונין :: יצא לאור ספר שני

משנת האלהות

תוכן הענינים: א) יחוד האלהות. ב) תורת הצמצום. ג) תורת הספירות. ד) תורת הבריאה יש מאין. ה) תורת האותיות.

דעת הבקורת

חיים נחמן ביאליק. היה ברכה! לו מצאו הספרים היסודיים בספרותנו הישנה סדרנים ופרשנים כמוך — כי עתה היתה השפעתם מרובה ועמוקה על מחשבת הדור ועל סגיונו, ולא היתה ספרותנו החדשה מנותקת כל כך מכל שרשי היותנו הרוחנית. סדור חדש בדברים ישנים מאיר אור חדש על הדברים, והדברים העתיקים מאירים ושמחים כנתינתם בימינו ובדורנו. יישר כחך! והלואי שתמצא ספרות החסידות כולה את גואלה הנאמן כמוך! ועוד כמה חכמים, כופרים, גאוני התורה ומשוררים מקלסים את הספרים.

מחירו 2 ז. עם המשלוח 2.25. א. וב' יחד 3.50. בחו"ל 2.50, א' וב' יחד 4 ז. בזקיפה לא ישולח. הזמנה 5 עקזמפ. הנחה 20%. למוכ"ס 25%. מעשרה ספרים ומעלה הנחה 35 פראצ. המכירה הראשית אצל המחבר:

Warszawa, Orla 15/7, P.K.O. 4752 Ch. Bunin

או: Łódź, Al. Kościuszki 29, Ch. Bunin.

שייטלעך מיט פּאַריזער שרינדעי

ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקלאַסיג און רעיעל אויסגעאַרבייט צו ביליגע פרייזען

אנדולאַציע און מאַניקור

ביי **קערש**, קוועראַווא 15

Zakład Leczniczy

POŁOŻNICZO - GINEKOLOGICZNY

ul. EWANGELICKA 18

(Sienkiewicza 83)

Ordynują: Dr. med. Sz. Eigerowa i Dr. med. J. Baum

Zapisy na porody I i II klasy.

קליינע אנאנסען

1 זלאָטי

אנאָנס ביז 15 ווערטער

לאָקאַלען

אָפּצולאָזען אַ האַלב געוועלב פאַר אַ שטעפּער-מייסטער. צו ערקונדיגען ביי פ. זאַלצבערג, טאַרגאָווא 41. 4072

צו פערדינגען אַ גרויסע שטוב אויף אַ ווערקשטעל, ביליג, ביי גוטמאַן, זאַכאָדניאַ 13/4.

צוועקצוגעבען אַ לאָקאַל, פריש רעמאָנטירט, אויף אַ רעזורע אָדער אויף אַ קאַווירניע, אין בעסטען צענטרום שרודמיעסקאַ 7 זילבערבערג. 4075

ס'איז דאַ איבערצוגעבען פון זאַפאָרט אַ בעקוועם אָרט אויף אַ ווערקשטעל פּיעטריקאָווער 21 פראָנט, 2-טער שטאָק וואוינ. 5. 4085

פרייע פּאָסטענס

עס ווערט געזוכט קוואַליפיצירטע און נישט - קוואַליפיצירטע פריילינס צו טריקאָ-ווּעש זאַכאָדניאַ 30 אין הויף פּאַרטער. 4071

ס'ווערט געזוכט קוואַליפיצירטע קעטלערינס, נייהערינס און אויספּערטיגערינס צו טריקאָ-ווּעש. זיך מעלדען זשעלאָנאַ 53 וואוינ. 17. 4073

ס'ווערט געזוכט אַ טיכטיגער אָנגעשטעלטער, וועלכער זאָל זיין בעקאַנט אין דער סוויטער-בראַנזשע. אָפּערטען אין אַדמיניסטראַ. אונטער "J". 4066

אַ זעצער און אַ דרוקער קענען זיך מעלדען אין דער דרוקעריי פּיעטריקאָווער 35.

אכטונג, שטעפּער-געזעלען! אַ פּאַמאָצניק ריכטעוועער און אַ נייהער קענען זיך מעלדען באַזאַרנאַ 10. 4079

ס'ווערען געברויכט טריקאָ-נייהערס צו ווייסע וועש ביי י. פּאָלקע, פּולנאָצנאַ 4. 4088

ס'ווערט געזוכט אַ קוואַליפיצירטער אַרבייטער און אַ האַנד-נייהערין צו דאַמען-מאַנאַזין, קאַמיענאַ 1 שלאָמאָוויטש. 4089

פערשידענעם

Zagubiony został kwit kaucyjny Elektrowni Łódzkiej na imię Majer Bromberg, Kilińskiego 18. 4074

אכטונג, סוחרים!

איך קויף פערשידענע רעשטען. פעהלער-האפטיגע סחורות און פערשידענע פּאָסטענס וואָלענשטאָפען. ביטע זיך צו מעלדען ביי **יוסף סאָט**, פּאַמאַרסקאַ 39 אין הויף. 4082

Dr. med.

S. Kantor

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען.

בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע

וואוינט יעצט אויף

90 פּיעטריקאָווער 90

טעל. 129-45

נעמט אָן פון 8-2 בייטאָג און 5-9 אָוו.

Dr. J. MANDELTORT

רענטגען-קאַבינעט

נעהמט אָן

וואָלטשאַנסקאַ 18 (זשעלאָנאַ 8 אַ)

טעלעפאָן 24-240

אַ לאַנגיעהריגער

מיליטער-בעאַמטער

ערטיילט אייך עצות און אָנווייזונגען פאַר צוריקגעקומענע פון אויסלאַנד וועלכע האָבען צ"ב וועלכע עס אין סיבות נישט דורכגעמאַכט דאָס מיליטער-דינסט. :-: ספּעציאַליסט אין שרייבען פון ביטעס פאַר

איינציגע שפּיליערס

ב. מאָן פּיעטריקאָווער **10**

די ביוראָ פון ציימונגען

— פון —

Aleksander KLINGBEIL

ציגעל-גאַס 22

פערס'ס'ט לאָדז

מיט דער

היטלערישער פּרעסע.

אכטונג!

געגען שווייס פון די פיס

טויזענטער מענשען האָבען זיך שוין אין בערצייגט, אַז פאַר אַ פּאָר גראָשען קען מען זיך באַפרייען פון שווייס פון די פיס, אויך צו אַדטשיסקעס, ווי אויך אַ גוט מיטעל צו וואַנצען פאַר אַ פּאָר גראָשען אַ פלעשעל.

געדענקט גוט דעם אדרעס: **סטאַרי-רינעק 1** № ביים ציימונגס-פערקויפער **וועלניאַרזש.**

היט אייך פאַר נאָכגעמאַכטע.

אויך פּיעטריקאָווער ראָג צעגעלניאַנע נעבען גאַלאַנטעריע-געוועלב ביים ציימונגס פערקויפער.

דער גוט-בעקאַנטער קינסטלערישער פאָטאָגראַפישער אַטעליער

„Polonja"

11 יערזשעגאָ 11

(טמאָהר פון פראַטמאַי 3)

פיהרט אויס די נייסטע קינסט-לערישע אויפנאַהמען צו

פערקלענערטע פרייזען!

פון עכטונג

„POLONJA"

11 Jerzego 11

wł. GUTERMAN.

Dr. med.

Haltrecht

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט-און געשלעכטס-קראַנקהייטען

פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21

צוריקגעקעהרט

נעמט אָן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאָג און פון 5—9 אָוונט, זונטאָג פון 10—1 בייטאָג

עלעקטרישע בעהאַנדלונג.

פאַר אַרבייטסלאָזע רעדוצירטע פרייזען

Dr. med.

I. Rozenfeld

אויערן, נאָז און האַלז-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

8 זאַוואַדזקאַ 8, טעל. 241-53

נעהמט אָן פון 2.30—4.30

Dr. ALEXANDER MARGOLIS

אינערליכע קראַנקהייטען.

ספּעציאַליטעט: מאָגען און קישקעס

האָט זיך איבערגעצויגען

אויף פּושעיאַזר 20, טעל. 112-31

נעהמט אָן פון 5—6 נאָכמיטאָג. 3616

לעטשניצע

17 זגערזשער

נעהמט אָן קראַנקע אין אַלע ספּעציאַליטעטען

פון 9 פריה ביז 7 אַ זייגער אָוונט.

וויזיט 3 זל.

Doktór ŁAGUNOWSKI

powrócił

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

choroby skórne weneryczne imoczopłciowe

Gabinet Roentgenoleczniczy.

Przyjmuje od 8^{30} do 10 1 — 2^{30}, od 6 do 8^{30} w w niedzielę i święta od 10—1.

Oddzielna poczekalnia dla pań.

Okazja!

2 powozy, 1 furgon piek. na gumach, 1 resorka, 1 rolwaga nowa okazyjnie do sprzedania. Przyjmuje wszelkie roboty oraz kucie koni.

A. OSMOLSKI

Łódź,

ul. Lipowa 39.

לעטשניצע קראַבערנאַ 4 ראָג זגערזשער 87

נעהמט אָן קראַנקע פון אַלע ספּעציאַליטעטען

וויזיט 3 זל.

העמאָראָלאָגישער קאַבינעט. 3371

אכטונג, שניידער-מייסטער פון לאָדז און אומגעגענד!

מאַאַס-ביכער,

בעקומט איהר איינדער בעסטער וואוסטער דרוקעריי

בראָמבערג און באום

לאָדז, פּילסודסקיעגאָ 55 (פראָנט).

דרוק-אַרבייט אַלערלי ווערט אויסגעפיהרט אין מאָדערנעם סטיל.

בעמערקונג: שטרימפּף-באַנדעראָלען צו ביליגע פרייזען — שטענדיג אויף לאַגער.

שוין ערשינען

נעוונד

דיכטונג אין פּראָזע

פון

פּרץ אָפּאַטשנער

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

P. OPOCZYŃSKI,

Łódź, Piotrkowska Nr. 69.

קלעפּסידרעס

צו זעהר ביליגע פרייזען

נעהמט אָן די דרוקעריי פון

„נייעם פאָלקסבלאַט"

די קלעפּסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט

און פונאנדערגעקלעבט איבער שטאָט.

כירורגישער קאַבינעט

Dra med. M. Kantora

איז געוואָרען איבערגעטראַגען

אויף זשעלאָנאַ 5

טעל. 112-22

נעהמט אָן פון 1—3 און פון 6—8 אָוו.

רעטשניצע-פרייזען.

„PRACA"

פּראָפעסיאָנעלע קורסען פאַר פרויען

ביי דער געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען פּראָפעסיאָנעלע אַרבייט צווישען יודישע פרויען אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 21, טעל. 15-167

נעמט אָן איינשרייבונגען אויף פאָלג. פאַכען.

1) נוצליכע קונסט-אַרבייט-שטיקעריי
2) דאַמען-שניידעריי — צושניידען
3) גאָרסעטען — צושניידען
4) דוּ־פוצעריי
5) וועש — צושניידען
6) אָנדולאַציע, 7) מאַניקיר.

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג פון 15 אויגוסט פון 10 ביז 1 נאָכמ.

פייער און גנבות-פערזיכערונגען

אויף לייכטע בעדינגונגען ערלעדיגט שנעל און פּינקטליך דאָס בעקאַנטע פערזיכערונגס-ביוראָ

שיינבערג,

39 פּילסודסקיעגאָ 39,

טעל. 129-04.

בעמערקונג: אַגענטען הערען, אָנגעזעהן נעבען פּראָוויזיע און פעסטע געהאַלט

מעלדען פון 8—11 פאַרמיטאָג. 3791

אַנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה

פאַר'ן טעקסט—8 גר. פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפּאַלטען

אין טעקסט—40 . . . . . 60— 4

נאָכ'ן טעקסט—12 . . . . . 18— . . . .

נעקראָלאָגען—20 גר. אַ מ/מ (אין דער זייט, 1 שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס פּעטערדיגע וואָרט — 10 גר.

איבער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

אַבאָנאָמענטס-פרייז:

אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקאַ—1 דאָל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט און טאָר מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Ze wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman